בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און
פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת
הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

243

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש

## וויליאמסבורג

**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש

## בארא פארק

**1011 41 Street**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש

## קרית יואל

**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש

## קרית יואל

**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש

## בלומינגראוו

**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש

## מאנסי

**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

נדפס ע"י

**קרן הדפסה**
**היכל הקודש**
181 Huschke Rd.
Liberty, NY 12747
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶענוּג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוֹיף מַיינֶע שְׁוֶוערֶע עֲבֵירוֹת? ..................... א

וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ זִיכֶער אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?..... ג

וָואס טוּט מֶען וֶוען מַיינֶע גֶעשְׁוִוסְטֶער שְׁטֶערְן מִיר פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם?............ ד

וִוי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ גֶעלֶעבְּט אָן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן? .................................. ו

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אִיךְ קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג אוֹיפְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן ...................................... א

אִין דֶעם זְכוּת פוּן טוּן פַאר דִי מוֹסָד וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע..................... ב

עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ זִיךְ צוּ פַארְבֶּענְקֶען אַהֵיים ............................... ב

דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְגִינְט נִישְׁט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְוִוישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ ........ ג

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי מוֹסְדוֹת..................... ד

מַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה אִיז מִיט אַייךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם ....................................... ה

טַאטֶע הֵייל מִיךְ אוֹיס, דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער בֶּעסְטֶער אוּן גְרֶעסְטֶער דָאקְטֶער ........ ו

בְּלַייבְּן אַ מְשַׁמֵשׁ בַּיים רֶבִּי'ן ...................................................... ז

גֵיי וַוייטֶער צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים........................... ז

פַארְוָואס זָאל דִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן מְסַדֵר צוּ זַיין דִי זַאכְן פַאר דִי מוֹסְדוֹת?...ח

אֶפְשָׁר וָואלְסְטוּ גֶעוָואלְט הֶעלְפְן דִי מוֹסָד?............................................ ט

גֵיי אַרִיבֶּער רֶעדְן פֶּערְזֶענְלִיךְ מִיט'ן מְלַמֵד .......................................... י

נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיפְ'ן מַאן .............................................. יא

אִיךְ הָאף אִיר זָאגְט נָאךְ תְּהִלִּים ............................................ יב

אִינְמִיטְן זָאגְן תְּהִלִּים, מֶעג מֶען אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּעְרְשְׁטְן ................ יב

מַיין טַאטְנְ'ס מֶענְטְשְׁן, בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אוֹיפְ'ן קוֹל ..................... יג

אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין שׁוּם הָאפֶענוּנְג, אִיז אוֹיךְ פַאר דִיר דָא הָאפֶענוּנְג ...... יד

וֶוען אַ וַוייטֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּעְרְשְׁטְן, אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב ..... טז

אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס זָאלְן זַיין גֶעפִילְטֶערְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין .......... יז

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מַאךְ רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה צְוִוישְׁן אוּנְז .................. יח

עֶס אִיז נִישְׁט אַ חִסָּרוֹן אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן רֶעדְן בָּרַבִּים ............ כב

וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, וַוארְפְט מֶען נִישְׁט אַוֶועק מְסוֹרֶת אָבוֹת ....... כד

מֶען דַארְף לֵיינֶען אַלֶע דְרֵיי פַּרְשִׁיּוֹת פוּן קְרִיאַת שְׁמַע יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי ........... כד

זוּךְ אוֹיף אִין יֶעדְן קִינְד אַ נְקוּדָה אִין וָואס עֶר צֵייכְנְט זִיךְ אוֹיס ...................... כה

זוּךְ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען מְחַזֵּק צוּ זַיין .............................................. כו

נִישְׁט רַייסְן דִי הָאר וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת ................................................ כז

דֶער סֵפֶר "אֲשֶׁר בְּנַחַל לְנָשִׁים" אִיז זֵייעֶר שַׁיין ........................................ כח

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְצוּשַׁארְן דִי שִׁנַּיי ................................... כח

מֶען דַארְף זֵייעֶר גוּט אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער צוּ זַיין הֵיילִיג .............................. כט

וִוי מֶער מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּעְרְשְׁטְן, בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטֶערְקֶערֶע אֱמוּנָה ... ל

מֶען מוּז אָפְּשְׁטֶעלְן דָאס בּוּיעֶן, עֶס שְׁלֶעפְּט אַרַיין אִין חוֹבוֹת .......................... לא

וֶוען דוּ לֶערְנְסְט, זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער ....................................... לא

אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, פַארְלִירְט מֶען דֶעם טַעַם פוּן דַאוְוענֶען ..................... לב

קוּקְן גוּטְס אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס ........................................................... לד

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## הָאבּ אִיךְ שׁוֹין גֶענוּג תְּשׁוּבָה גֶעטוּן אוֹיף מַיינֶע שְׁוֶועֶרֶע עֲבֵירוֹת?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעלֶערְנְט אִין אֵיינֶע פוּן דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן, עֶס אִיז מַמָּשׁ וִוי מֶען הַרְגְ'עֶט דִי אֵייגֶענֶע קִינְדֶער.

אִיךְ הָאבּ דָאס שׁוֹין לַאנְג גֶעלֵיינְט אוּן גֶעהֶערְט, אָבֶּער לֶעצְטְנְס אִיז אַרַיין אִין מִיר אַ גֶעוַואלְדִיגֶער פַּחַד אִיבֶּער דֶעם, כָאטְשׁ וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אִיךְ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג, אוּן שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס אִיךְ הִיט זִיךְ פוּן עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ הִיט זִיךְ מַיינֶע אוֹיגְן - הָאבּ אִיךְ נָאכְאַלְץ גְרוֹיסֶע פְּחָדִים פוּן דֶעם, וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ, דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה אִיז זֵייעֶר אַ גֶעפֶערְלִיכֶע עֲבֵירָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (נִדָּה יג:): "כָּל הַמּוֹצִיא שִׁכְבַת זֶרַע לְבַטָּלָה חַיָּיב מִיתָה", דֶער וָואס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז

מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן - אִיז חַיָּיב מִיתָה. נָאךְ זָאגְן חֲזַ"ל (שָׁם): "כְּאִילוּ שׁוֹפֵךְ דָּמִים", וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית, עֶר אִיז מוֹצִיא זֶרַע לְבַטָּלָה, אִיז אַזוֹי וִוי אֵיינֶער אִיז עוֹבֵר אוֹיף רְצִיחָה אוּן שְׁפִיכוּת דָּמִים, וַוייל יֶעדֶע טִפָּה אִיז אַ קִינְד, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער מֶענְטְשׁ הַרְג'עֶט אוֹיס זַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַזוֹי אוֹיךְ: "כְּאִילוּ עוֹבֵד עֲבוֹדַת כּוֹכָבִים", עֶס אִיז אַזוֹי וִוי עֶר דִינְט עֲבוֹדָה זָרָה רַחֲמָנָא לִצְלָן; אוֹיךְ זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (וַיֵּשֶׁב קפח.; וַיְחִי ריט.) וֶוער עֶס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, הֶעלְפְט נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה.

אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְזֶער דוֹר אוּן אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס נְשָׁמָה אוֹיף דִי וֶועלְט, וָואס עֶר הֵייבְּט אוֹיף אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה, אוּן דוּרְךְ זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט עֶר זֵיי אַלֶע צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עא): "קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פְּשַׁט אִין דֶעם זוֹהַר, נָאר אִיךְ, אוּן אִיךְ זָאג אַז עֶס הֶעלְפְט יָא תְּשׁוּבָה; אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה קֶען אוֹיךְ תְּשׁוּבָה טוּן".

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה וִוי אַזוֹי מִיר קֶענֶען זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּן דִי נִידְרִיגְסְטֶע פְּלֶעצֶער. אֲפִילוּ מֶען אִיז וַוייט פַארְקְרָאכְן - זָאל מֶען קֶענֶען צוּרִיקְקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת; מֶען זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיסְ'טַאֲנָה'ן מִיט אִים, אִים דֶערְצֵיילְן וִוי שְׁוֶוער עֶס זֶענֶען דִי נִסְיוֹנוֹת, אוּן וִוי שְׁטַארְק מֶען ווִיל זַיין גוּט; דָאס בְּרֶענְגְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי אִין אַ וִוינְקְל וואו קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, אוּן רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ. דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, אַז דוּ ווִילְסְט תְּשׁוּבָה טוּן. דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס, זָאלְסְט גָארְנִישְׁט בַּאהַאלְטְן צוּלִיב בּוּשָׁה. זָאג אִים וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע טוּט מִיט דִיר, וִוי עֶר וַוארְפְט דִיר אַרָאפּ, וֵויין צוּ אִים; זָאג אִים דִי וֶוערְטֶער:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאבּ אַזוֹיפִיל גֶעזִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם**

**הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלַן, אִיךְ בִּין אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן; יֶעצְט הָאבּ אִיךְ חֲרָטָה, אִיךְ וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ ווִיל זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּ דִיר טַאטֶע זִיסֶער. רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ שֶׁעם זִיךְ זֵייעֶר פוּן דִיר, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ הָאבּ בֶּאֱמֶת חֲרָטָה אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים מַיינֶע, זַיי מִיר מוֹחֵל.**

**אוֹיךְ בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אִיךְ וֶועל שׁוֹין בְּלַייבְּן פַאְרוָוארְפְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. אִיךְ הָאבּ אַזַא פַּחַד, אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ וֶוער גֶערִירְט בַּיים זִינֶען; אִיךְ וֵוייס אַז דָאס גֶעשֶׁעט וֶוען מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה, אָבֶּער יֶעצְט ווִיל אִיךְ זַיין גוּט, יֶעצְט ווִיל אִיךְ תְּשׁוּבָה טוּן; בֶּעט אִיךְ דִיר, הֶעלְף מִיר, זַיי מִיךְ מְקָרֵב צוּ דִיר, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט".**

**אַזוֹי זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן כְּסֵדֶר, בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## ווִי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ זִיכֶער אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶּער פַאר'ן טְרֶעפְן אַזַא גוּטֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיטְהַאלְטְן דִי שִׁיעוּרִים נִישְׁט צוּ לַאנְג צוּרִיק, אוּן אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט סֵדֶר זְרָעִים אוּן סֵדֶר מוֹעֵד פוּן מִשְׁנָיוֹת.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן ווִי אַזוֹי אִיךְ קֶען זִיכֶער מַאכְן אַז אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶעם הֵיילִיגְן פְּלַאץ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וֶוען דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְויאַזוֹי דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעזֶען פַאר דוּ בִּיסְט מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר, אוּן וָואס דֶער רֶבִּי טוּט מִיט דִיר נָאכְאַלְץ.

וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי׳ן דֶעמָאלְט אִיז מֶען זֵייעֶר פַארְפְּלַאמְט, מֶען אִיז זֵייעֶר צוּקָאכְט; עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן נֵייעֶ זַאכְן מִיט לֶערְנֶען, מִיט דַאוֶוענֶען אוּן מִיט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. בְּמֶשֶׁךְ הַזְּמַן וֶוערְט דָאס אַ חֵלֶק פוּנֶעם לֶעבְּן, דֶערִיבֶּער קֶען פַּאסִירְן אַז מֶען פַארְגֶעסְט וְכוּ׳; דַארְף מֶען כְּסֵדֶר דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶעם גַאנְצְן אֱמֶת, וֶוער בִּין אִיךְ, וְוי אַזוֹי קוּק אִיךְ אוֹיס אָן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּט מֶען וֶוען מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער שְׁטֶערְן מִיר פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ וִויל בַּאדַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַּאר דִי שִׁיעוּרִים וָואס הָאט גֶעטוֹישְׁט מַיין לֶעבְּן. אִיךְ הָאבּ לֵיידֶער זִיךְ נִישְׁט וִויסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן דִי עֶרְשְׁטֶע פָּאר יָאר נָאךְ מַיין חֲתוּנָה, אוּן וֶוען אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אַז מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן, הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרִיבֶּערְצוּגֵיין לְכָל הַפָּחוֹת אֵיינְמָאל אַ וָואךְ מִיט דִי קִינְדֶער. אִיךְ רוּף זֵיי כְּסֵדֶר, אוּן אוֹיךְ שִׁיק אִיךְ זֵיי בִּילְדֶער פוּן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן וָואס מַיינֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶ'.

עֶס הָאט זִיךְ אָבֶּער אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ פְּרָאבְּלֶעם; וֶוען מַיינֶע עֶלְטֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער הָאבְּן

גֶעזֶען אַז פְּלוּצְלוּנְג הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן קוּמֶען זֵייעֶר אָפְּט צוּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶעמַאכְט אַז דִי סִיבָּה דֶערְצוּ קֶען נָאר זַיין וַוייל אִיךְ וִויל צוּנֶעמֶען דִי בִּיזְנֶעס פוּן מַיין טַאטֶע, וֶוען בֶּאֱמֶת דַארְף אִיךְ עֶס נִישְׁט הָאבְּן, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם שֵׁיין הַצְלָחָה מִיט מַיין אֵייגֶענֶע בִּיזְנֶעס. זֵיי הָאבְּן מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן עֶנְג אוֹיף יֶעדֶע טְרִיט אִין שְׂרִיט, קוֹדֶם הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ נֵייעֶ תַּקָּנָה אַז מֶען קֶען נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן נָאר אוֹיבּ מֶען פְרֶעגְט זֵיי פָּארְאוֹיס, וַוייל זֵיי זֶענֶען שׁוֹין צוּ אַלְט אוּן זֵיי קֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט נֶעמֶען קַיין גֶעסְט, נָאכְדֶעם הָאבְּן זֵיי אַוֶועקְגֶענוּמֶען פוּן מַיין טַאטֶע'ס טֶעלֶעפָאן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ בַּאקוּמֶען בִּילְדֶער אוֹיף טֶעקְסְט, מִיטְ'ן אוֹיסְרֵייד אַז עֶס פַּאסְט נִישְׁט דִי אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן זֶען אַז דֶער זֵיידֶע הָאט בִּילְדֶער-טֶעקְסְט, אִינְדֶערְצַייט וָואס אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן אָבֶּער יָא, אוּן וַוייטֶער בַּיי יֶעדֶע שִׂמְחָה מַאכְן זֵיי זִיכֶער אַז מַיין טַאטֶע זָאל נִישְׁט זִיצְן אַלֵיין נָאר אֵיינֶער זָאל דָארְט זַיין, כְּאִילוּ אִים אָפְּצוּהִיטְן פוּן מִיר.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ זַיי וַוייטֶער מְקַיֵּים מִצְוַת כִּיבּוּד אָב וָאֵם, קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי אַלֶע מְנִיעוֹת; וֶוען דוּ קֶענְסְט אַרִיבֶּערְגֵיין - זָאלְסְטוּ אַרִיבֶּערְגֵיין, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ אָנְרוּפְן יֶעדְן טָאג; לָאז זִיךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן פוּן אַנְדֶערֶע.

ווִי גְרֶעסֶער דִי מִצְוָה אִיז - אַלְץ מֶער מְנִיעוֹת אִיז דָא דָאס צוּ מְקַיֵּים זַיין; כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת, פוּן דִי הַארְבְּסְטֶע מִצְוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי קִידּוּשִׁין פֶּרֶק א, הֲלָכָה ז): "רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי אוֹמֵר", רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי זָאגְט, "גָּדוֹל הִיא כִּיבּוּד אָב וָאֵם שֶׁהֶעֱדִיפוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יוֹתֵר מִכְּבוֹדוֹ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז בַּאפוֹילְן מֶען זָאל מֶער מְכַבֵּד זַיין טַאטֶע מַאמֶע ווִי מֶען זָאל מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

דוּ גֵיי וַוייטֶער צוּ זֵיי, דוּ טוּ דִי מִצְוָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי זִיךְ נִישְׁט

מְבַלְבֵּל פוּן קֵיינֶעם - וֶועט דִיר קֵיינֶער גָארְנִישְׁט קֶענֶען שְׁלֶעכְטְס טוּן. גֶעדֶענְק דֶעם כְּלָל: 'וֶוער עֶס הָאט אִינְזִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶעם קֶען מֶען גָארְנִישְׁט טוּן'; אַנְדֶערְשׁ אִיז וֶוען מֶען הָאט אִינְזִין גֶעלְט, כָּבוֹד וְכַדוֹמֶה - דֶעמָאלְט אִיז בִּיטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווי אַזוֹי וָואלְט אִיךְ גֶעלֶעבְּט אָן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט מִיר אַ נֵס אַז אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאכְ'ן דַאוֶונֶען, אוּן אִיךְ זֶע אַז דֶער שַׁבָּת טִישׁ אִיז אַ בַּאלַאגַאן, נָאךְ פוּל מִיט מֻקְצֶה זַאכְן, דִי בֶּענְקְלֶעךְ זֶענֶען נָאךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיפְ'ן טִישׁ פוּן אוֹיפְוַואשְׁן דִי עֶרְד פְרִיעֶר, אוּן מַיין וַוייבּ שְׁלָאפְט נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע וָואךְ אַרְבֶּעט.

אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן אִין אַזַא צַייט וֶוען אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין מְקוֹרָב צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א... עֶס וָואלְט אַרוֹיס אַ גֶעדֶעכְטֶע רוֹיךְ פוּן הוֹיז. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶער שַׁבָּת אֲפִילוּ דִי הוֹיז זֶעט אַזוֹי אוֹיס, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם מְסַדֵּר גֶעוֶוען אוּן צוּגֶעגְרֵייט דֶעם שַׁבָּת טִישׁ, אוּן מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ פְרֵיילִיכֶע סְעוּדָה.

דָאס זֶעלְבֶּע הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי. אִיךְ קוּם אָן אַהֵיים אוּן אַלֶעס לִיגְט נָאךְ פוּנְקְט אַזוֹי ווִי מֶען הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט גֶעכְטְן נַאכְט נָאךְ דִי סְעוּדָה, וֶוען מֶען אִיז גֶעוֶוען מִיד אוּן מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אָן אָפְּרוּמֶען דֶעם טִישׁ. יֶעצְט הַאלְט אִיךְ נָאךְ פַארְ'ן קִידוּשׁ מַאכְן, מַיין וַוייבּ הָאט שׁוֹין קִידוּשׁ גֶעמַאכְט פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע פוּלֶע וָואךְ מִיט דִי קִינְדֶער, וֶוען יֶעדֶע נַאכְט טֵיילְן זִיךְ דִי

קִינְדֶער אַיין, יֶעדֶע שָׁעָה וֵויינְט אַ צְוֵוייטֶער און וֶועקְט אוּנְז אוֹיף, און אִיךְ הַאלְט יֶעצְט אֵיינְס אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג, נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן הַיינְט, און אִיךְ בֶּעט ווִידֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס, אִיךְ זָאל זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, און בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, אוּם דְרֵיי אַזֵייגֶער הָאבְּן מִיר גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן דִי סְעוּדַת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִיךְ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אִיךְ קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט גֶעלֶעבְּט אָן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ, און מַיין וַוייבּ זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט כַאפְּן ווִי אַזוֹי דִי הוֹיז הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, און ווִילַאנְג אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט אוֹיף אִיר מִיט סַבְלָנוּת אַז זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען אָפְּרוּעֶן אַבִּיסְל; און זִי וֵוייסְט נִישְׁט ווִי שְׁטַארְק אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ נִישְׁט זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן און זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר דוּרְכ'ן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת און חִיזוּק ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן מַצָּב.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן לֶעבְּן אָנֶעם רֶבִּי'ן, ווִי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אָן אִין זֵייעֶר לֶעבְּן אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים; ווִי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה אוֹיף טְרִיט אִין שְׁרִיט? ווִי אַזוֹי הַאלְט מֶען זִיךְ רוּאִיג, מֶען וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן?

אָפְּגֶערֶעדְט אִין שְׁטוּבּ - אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ לֶעבְּן אַ זִיסֶע לֶעבְּן, נָאר אַז מֶען הָאט דִי עֵצוֹת פוּן צַדִּיק, דִי חִיזוּק פוּן צַדִּיק; מִיט אַ צַדִּיק אִיז דָאךְ אַזוֹי גוּט, אַזוֹי גֶעשְׁמַאק; דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ, דִי וַוייבּ, דִי קִינְדֶער - אַלֶעס אִיז אַזוֹי גוּט.

זֵייעֶר גוּט הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט אַלֵיינְס צוּגֶעגְרֵייט אַלֶעס און גֶעהַאט אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה; ווַאוֹיל אִיז דֶעם וָואס קוּקְט מִיט רַחְמָנוּת אוֹיף דִי

וַוייבּ, עֶר פַארְשְׁטֵייט אַז זִי דַארְף זִיךְ אַבִּיסְל אָפְּרוּעֶן פוּן אַ גַאנְצֶע וָואךְ, עֶר זוּכְט נִישְׁט צוּ זַיין גֶערֶעכְט, נָאר צוּ רַאטֶעוֶועןדִי מַצָּב.

יֶעצְט וֶוען דוּ זֶעסְט זִיךְ נָאךְ אַזַא מַעֲשֶׂה בְּלַייבְּט אִיבֶּער אֵיין זַאךְ: ׳וִוי אַזוֹי קֶען מֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת, חִיזוּק אוּן שֵׂכֶל אִין אַנְדֶערֶע?׳ וַוייל דִי מַעֲשִׂיוֹת פַּאסִירְן דָאךְ בַּיי אַלֶעמֶען; אַז נִישְׁט פּוּנְקְט דִי מַעֲשֶׂה - פַּאסִירְט עֶנְלִיכֶע מַעֲשִׂיוֹת, אוּן וִוי אַזוֹי קוּקְט אוֹיס אַ שְׁטוּבּ וָואס הָאט נִישְׁט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי׳ן? וִוי אַזוֹי עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי מַעֲשֶׂה בַּיי זֵיי...? דַארְפְן מִיר וָואס מֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, לִיכְטִיג מַאכְן אַנְדֶערֶע שְׁטוּבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

### אִיךְ קֶען נִישְׁט אֵייבִּיג אוֹיפְנֶעמֶען מֶענְטְשְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת ה׳תשפ״ב

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט אַרַיינְקוּמֶען מִיט דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳, אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיט עֶנְק בֵּיידֶע, עֶנְק מַדְרִיךְ זַיין וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן.

עַל פִּי רוֹב נֶעם אִיךְ אוֹיף יֶעדְן זוּנְטָאג אִין יְשִׁיבָה. אַמָאל בִּין אִיךְ אִין שְׁטֶעטְל, זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרַיינְקוּמֶען קַיין ווילְיַאמְסְבּוּרְג נָאר נָאכְדֶעם וָואס דוּ וֵוייסְט אַז אִיךְ בִּין דָא אוּן אִיךְ נֶעם אוֹיף.

רֶעד צוּ ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר אִיז מְסַדֵּר וֶוען מֶען זָאל קוּמֶען, אַלֶעס זָאל גֵיין מִיט אַ סֵדֶר.

בְּדֶרֶךְ כְּלַל נָאךְ דִי חֲתוּנָה זֶענֶען דָא זַאכְן וָואס דֶער מַאן אוּן וַוייבּ זֶענֶען נִישְׁט קְלָאר, וִוי אַזוֹי אוּן וָואס וְכוּ׳ וְכוּ׳; מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען צוּ פְרֶעגְן, ״וְלֹא הַבַּיְשָׁן לָמֵד״ (אָבוֹת ב, ה).

...

## אִין דֶעם זְכוּת פוּן טוּן פַאר דִי מוֹסָד וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת ה'תשפ"ב

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אַז דוּ הָאסְט הָאסְט אַמָאל אִיבְּרִיגֶע צַייט וֶוען דוּ אַרְבֶּעטְסְט נִישְׁט - זָאלְסְטוּ פְרֶעגְן אוּנְזֶער מֶענִידְזְשֶׁער ... נֵרוֹ יָאִיר אוֹיבּ עֶר קֶען נוּצְן דַיין הִילְף, אִיךְ וֵוייס אַז עֶר אַרְבֶּעט אִיבֶּער זַיינֶע כֹּחוֹת פַאר דִי חֵדֶר אוּן סְקוּל.

אַמָאל וֶוען דִי מוֹסָד אִיז גֶעוֶוען קְלֵיין הָאט יֶעדֶער גֶעשְׁפִּירְט אַ חֵלֶק דֶערְפוּן, אַלֶע הָאבְּן גֶעהָאלְפְן, אַזוֹי וִוי מֶען הֶעלְפְּט פַאר זִיךְ אַלֵיין; יֶעצְט וֶוען דִי מוֹסָד וֶוערְט גְרֶעסֶער - וֶוערְט עֶס פְרֶעמְד, נִישְׁט אַלֶע שְׁפִּירְן וִוי דִי מוֹסָד אִיז זֵייעֶר'ס אַ פְּרִיוַואטֶע זַאךְ.

אִיךְ שְׁרַייבּ עֶס דִיר, אָבֶּער אִיךְ מַיין אַלֶעמֶען; דוּ וֵוייס אִיךְ אַז דוּ בִּיסְט מִיר גֶעטְרֵיי, דוּ וֶועסְט הֶעלְפְן דִי מוֹסָד דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

אִין דֶעם זְכוּת פוּן טוּן פַאר דִי מוֹסָד - וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

...

נ.ב. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶערֶעדְט צוּ אִים, עֶר וַוארְט אַז דוּ אוּן אַנְדֶערֶע זָאלְן זִיךְ מִתְנַדֵּב זַיין צוּ קוּמֶען הֶעלְפְן.

...

## עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ זִיךְ צוּ פַארְבֶּענְקֶען אַהֵיים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת ה'תשפ"ב

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ בַּיי אַ פְרוֹי; נָאךְ דִי חֲתוּנָה קֶען מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְבֶּענְקֶען אַהֵיים, צוּ דִי מַאמֶע אָדֶער שְׁוֶועסְטֶער וְכוּ', עֶס קֶען אָנְכַאפְּן אַ פְּלוּצִימְ'דִיגֶע בֶּענְקְשַׁאפְט, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי אַן אַטַאקֶע וְכוּ'; שְׁטוּפְּט עֶס נִישְׁט אַוֶועק, לָאזְט דִי גֶעפִילְן אַייךְ אִיבֶּערְנֶעמֶען, עֶס וֶועט אַלֵיינְס אַרִיבֶּערְגֵיין.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה; ווִי מֶער מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אֱמוּנָה – שְׁפִּירְט מֶען זִיךְ זִיכֶער, מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט ווִי מֶען אִיז אַלֵיין. אֱמוּנָה בּוֹיט אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ, אֱמוּנָה נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע סָארְט פְּחָדִים אוּן שְׁרֶעק.

זִינְגְט זִיךְ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט מִיר, בַּיי מִיר, נֶעבְּן מִיר. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הִיט מִיךְ, קֵיינֶער קֶען מִיר גָארְנִישְׁט טוּן, אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא".

בְּנוֹגֵעַ דִי קוּרְצֶע צַייטְן וְכוּ'; גֵייט צוּם דָאקְטֶער, אַ שָׁאד צוּ לֶעבְּן אַזוֹי, מֶען קֶען דָאס מְסַדֵּר זַיין גְרִינְגֶערְהֵייט.

...

## דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְגִינְט נִישְׁט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן ווַייבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת ה'תשפ"ב

מָרַת ... תִּחְיֶ'

נֶעכְטְן וֶוען אִיר זֶענְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר מִיט אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווָאס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסג): "אָמַר שֶׁזֶּה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְגִינְט נִישְׁט עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן ווַייבּ, עֶר זוּכְט צוּ מַאכְן אַ פֵּירוּד.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר, לָאזְט נִישְׁט דֶעם יֵצֶר הָרָע אַרַיין בַּיי אַייךְ אִין שְׁטוּבּ, נֶעמְט אַרַיין דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה. יֶעדֶעס מָאל אִיר טְרַאכְט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אַייעֶר מַאן – אִיז דָאס דֶער יֵצֶר הָרָע! אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס ווִי אִיר זֶענְט גָאר דֶער פְרוּמֶער אוּן עֶר אִיז דֶער גוֹי – אִיז דָאס דֶער יֵצֶר הָרָע, וֶוען אִיר טְרַאכְט גוּטְס אוֹיף אִים – דָאס אִיז קְדוּשָּׁה!

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בְּרָכוֹת לא:) שְׁמוּאֵל הַנָּבִיא'ס מַאמֶע הָאט גֶעזָאגְט פַאר עֵלִי הַכֹּהֵן (שְׁמוּאֵל-א א, טו): "לֹא אֲדֹנִי", דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ; אַ גְרוֹיסֶער מֶענְטְשׁ, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד – קוּקְט נִישְׁט שְׁלֶעכְט, מִיט

דֶעם וָואס דוּ קוּקְסְט שְׁלֶעכְט אוֹיף מִיר - וֵוייס אִיךְ "לֹא אֲדֹנִי", - דוּ בִּיסְט נִישְׁט קַיין צַדִיק; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז ווִי נָאר מֶען קוּקְט שְׁלֶעכְט - אִיז מֶען נִישְׁט קַיין צַדִיק.

נֶעכְטְן אִינְדֶערְפְרִי הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ בְּרִית, מַיין שְׁוָואגֶער הָאט מְכַבֵּד גֶעוֶוען מַיין מַאמֶע מִיט קְוַואטֶערְשַׁאפְט, הֱיוֹת מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א אִיז יֶעצְט אִין מִירוֹן הָאט מִיךְ מַיין מַאמֶע גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל זַיין קְוַואטֶער מִיט אִיר. בִּשְׁעַתְ'ן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן אֵלִיָהוּ הַנָבִיא פַאר אַייךְ, אִיךְ זָאלְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט זֶרַע שֶׁל קַיָימָא.

אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ, אוֹיבּ אִיר נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּ רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, זָאג אִיךְ אַייךְ צוּ קִינְדֶער.

אַייעֶר מַאן אִיז אַ גוּטֶער, עֶר זוּכְט נִישְׁט צוּ זָאגְן לִיגְנְט, עֶר אִיז אַזוֹי אוֹיפְגֶעוַואקְסְן; זַיין טַאטֶע הָאט אִים אַזוֹי טֶערָארֶעזִירְט אַז עֶס זָאגְט זִיךְ אַלְץ לִיגְנְט, אָבֶּער עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ טֵייעֶרער אִינְגֶערְמַאן.

אַז אִיר וֶועט רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים - וֶועט אִיר הָאבְּן זֶרַע שֶׁל קַיָימָא.

...

## אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי מוֹסְדוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת ה'תשפ"ב

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן תְּשׁוּבָה פוּן דִיר אוֹיבּ דוּ בִּיסְט ווִילִיג מִיר צוּ הֶעלְפְן מִיט דִי מוֹסְדוֹת; הֵן מִיט דִי שְׂכַר לִימוּד - הֶעלְפְן דִי אָפִּיס ווִי אַזוֹי זֵיי זָאלְן אַרוֹיסְבַּאקוּמֶען שְׂכַר לִימוּד פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אוּן הֵן בְּרֶענְגֶען צְדָקוֹת אוּן נְדָבוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן פוּן אַנְדֶערֶע. וַוייל דִי מוֹסְדוֹת הָאבְּן זִיךְ צוּאוַואקְסְן, אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן חוֹדֶשׁ'לִיךְ אִיבֶּער הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער פַאר מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס; דוּ וֵוייסְט דָאךְ אַז בַּיים סוֹף פַאלְט אַלֶעס אוֹיף מִיר, אִיךְ דַארְף דַיין הִילְף.

אִיךְ הָאבּ דִיר שׁוֹין אַמָאל גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיךְ בִּין גְרֵייט אֲפִילוּ אַרוּם צוּ גֵיין מִיט דִיר אִין שׁוּל'ן אוּן אִין הַייזֶער צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן דִי מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס.

יֶעצְט אִיז צוּגֶעקוּמֶען נָאךְ אַ חֵדֶר אִין יְרוּשָׁלַיִם; אַז עֶס אִיז אוּנְטֶער מַיין נָאמֶען, דָאס מֵיינְט אִיךְ דַארְף שַׁאפְן גֶעלְט עֶס זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין. לָאז מִיר ווִיסְן וָואס דַיין מֵיינוּנְג אִיז.

...

מַאךְ הִתְבּוֹדְדוּת, שְׁמוּעֶס אוֹיס מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי נְקוּדוֹת וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט; בְּעִיקָר דִי נְקוּדָה אַז דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן אִינְדֶערְמִיט וְכוּ'.

...

## מַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה אִיז מִיט אַייךְ אִין יְרוּשָׁלַיִם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבַט, שְׁנַת ה'תשפ"ב

לְכָבוֹד מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ, יְרוּשָׁלַיִם

אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין יְרוּשָׁלַיִם, מַיין גוּף אִיז נִישְׁט דָארְט, אָבֶּער מַיין מֹחַ מַחֲשָׁבָה אִיז דָארְט. אִיךְ טְרַאכְט פוּן אוּנְזֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ יֶעדְן טָאג, אִיךְ פְּרֶעג זִיךְ נָאךְ וָואס דָארְט טוּט זִיךְ. אוֹיךְ וֶוען אִיךְ הֶער אַז אֵיינֶער פָּארְט קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל - זָאג אִיךְ יֶענֶעם עֶר זָאל גֵיין בַּאזוּכְן אוּנְזֶער שׁוּל אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

בְּנוֹגֵעַ דִי חֵדֶר הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ; אִיךְ בִּין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ פַאר עֶנְק, אִיר וֶועט יֶעצְט הָאבְּן אַ פְּלַאץ פַאר עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "אַזוֹי ווִי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"; זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט אֱמוּנָה, אוּן לִיבּ הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דִי תּוֹרָה.

אִיךְ וֶועל עֶנְק הֶעלְפְן מִיט גֶעלְט, אִיךְ זוּךְ יֶעצְט אוֹיפְצוּנֶעמֶען אַ גַבַּאי צְדָקָה וָואס זָאל זַיין גֶעשְׁטֶעלְט צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם.

...

## טַאטְע הֵייל מִיךְ אוֹיס, דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער בֶּעסְטֶער אוּן גְרֶעסְטֶער דָאקְטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת ה'תשפ"ב

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיר הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אַייעֶרֶע פְּחָדִים זֶענֶען צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אוֹיךְ הָאט אִיר לֶעצְטְנְס יְסוּרִים פוּן וְכוּ'.

דָא הָאט אִיר אַ קְלֵיינֶע תְּפִלָּה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג:

"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ דַאנְק דִיר פַאר אַלֶע חֲסָדִים וָואס דוּ טוּסְט מִיט מִיר; דוּ טוּסְט מִיט מִיר נָאר גוּטְס, אִיךְ וֶועל דִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט קֶענֶען גֶענוּג לוֹיבְּן אוֹיף אֲפִילוּ אֵיינְס פוּן דִי חֲסָדִים.

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס פְּחָדִים, עֶס קֶען מִיר אָנְכַאפְּן אַ פְּלוּצִימְ'דִיגֶע שְׁרֶעק, אִיךְ וֶוער אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ הוֹיבּ אָן פַּאנִיקְן, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן; בֶּעט אִיךְ דִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר, שְׁטַארְק מִיר מַיין אֱמוּנָה אִין דִיר. אִיךְ וֵוייס אַז דָאס קוּמְט פוּן חִסָּרוֹן אֱמוּנָה, וַוייל וֶוען מַיין אֱמוּנָה וָואלְט גֶעוֶוען קְלָאר אוּן שְׁטַארְק, אִיךְ וָואלְט גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דִיר; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר - אַלֶעס אִיז דוּ, עֶס אִיז נָאר פַארְשְׁטֶעלְט - דַאן וָואלְט אִיךְ נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן קֵיינֶעם, אִיךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שׁוּם שְׁרֶעק.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, טַאטְע זִיסֶער, גֶעבּ מִיר אַ קְלָארֶע אֱמוּנָה, שְׁטַארְק מַיין אֱמוּנָה, אַזוֹי וֶועל אִיךְ מֶער נִישְׁט הָאבְּן דִי אַלֶע שְׁרֶעק. אוֹיךְ דִי וֵוייטָאג בַּיי מַיינֶע בֵּיינֶער, מַיין קָאפּ, אִיךְ מַאךְ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַאקְסְן וְכוּ', - דָאס אַלֶעס זָאל אַוֶועקְגֵיין פוּן מִיר.

טַאטְע הֵייל מִיךְ אוֹיס, הֵייל מִיךְ אוֹיס, דוּ בִּיסְט דָאךְ דֶער רוֹפֵא נֶאֱמָן, דֶער בֶּעסְטֶער אוּן גְרֶעסְטֶער דָאקְטֶער, הֵייל מִיךְ אוֹיס אִיךְ זָאל נִישְׁט בֵּייגְן מַיין קָאפּ אַזוֹיפִיל, אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז אַלֶעס פוּן מֹחַ, הֶעלְף מִיר, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגוֹאֲלִי".

זָאגְט דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג, וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִסִּים.

...

## בְּלַייבְּן אַ מְשַׁמֵּשׁ בַּיים רֶבִּי'ן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת ה'תשפ"ב

**לְכָבוֹד ...**

"רֶבִּי, בִּינְד מִיךְ צוּ אִין דַיין זַאק!" - הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעשְׁרִיגְן צוּם רֶבִּי'ן; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן: "דוּ בִּיסְט שׁוֹין פַארְכַאפְּט אִין מַיין זַאק!" וֶוען רֶבִּי נָתָן הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן: "רֶבִּי, בִּינְד מִיךְ צוּ, אִיךְ וִויל נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן!"

אִיךְ הָאף אַז דָאס אִיז דַיין אֵיינְצִיגְסְטֶע בַּקָּשָׁה אִין לֶעבְּן, דֶער רֶבִּי זָאל דִיךְ צוּבִּינְדְן אִין דַיין זַאק, דוּ זָאלְסְט בְּלַייבְּן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי'ן.

אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט מְבוּלְבָּל, דוּ הָאסְט מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחוֹת, דוּ ווִילְסְט אוֹיפְגֶעבְּן דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט. דָאס אִיז אַלֶעס מְנִיעוֹת, אַלֶעס אִיז פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם - וָואס ווִיל נִישְׁט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן ווִיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת בִּזְכוּת דִיר! ווִיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת בִּזְכוּת דִיר! ווִיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער קֶערְן זִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין זְכוּת!

**"רֶבִּי, בִּינְד מִיךְ צוּ אִין דַיין זַאק! בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אִיךְ זָאל נִישְׁט טְרַאכְטְן קַיין אֵיין רֶגַע אָפְּצוּלָאזְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן אַ מְשַׁמֵּשׁ בַּיים רֶבִּי'ן, וַוייטֶער פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט".**

...

## גֵיי וַוייטֶער צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בִּשְׁבָט, שְׁנַת ה'תשפ"ב

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער זוּן הָרַב ... נֵרוֹ יָאִיר**

גֵיי וַוייטֶער צַאמְנֶעמֶען גֶעלְט פַאר מִשְׁפָּחוֹת נִצְרָכִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ; דִי צְדָקָה אִיז נִישְׁט סְתַּם אַ צְוֶועק, דָאס אִיז אַ צְדָקָה וָואס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ אַלֶע צְדָקוֹת.

פָּארִיגֶע וָואךְ רֶעד אִיךְ מִיט אַ אִינְגֶערְמַאן אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אִינְמִיטְן הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר צוּאֵוויינְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן, בִּיז אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְבַּאקוּמֶען פוּן אִים אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין פְּרוּטָה אִין שְׁטוּבּ, אִיךְ הָאבּ אִים אַרִיבֶּערְגֶעשִׁיקְט צְוֵויי טוֹיזְנְט דָאלֶער זַיין שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט צֶעפַאלְן. יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נָאךְ אַ מִשְׁפָּחָה וָואס מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר, אִיךְ דַארְף הָאבְּן אַפָּאר דָאלֶער זֵיי לִיכְטִיג צוּ מַאכְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס אַלֶעס נָאר דִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן דוּ זָאלְסְט וַוייטֶער גֵיין נָאךְ גֶעלְט. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי צְדָקָה, מֶען דַארְף זֵיי נָאר בֶּעטְן אוּן זֵיי גֶעבְן.

וֶוער נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט וֶוען אֵיינֶער טְשֶׁעפֶּעט וְכוּ'; גֶעדֶענְק דִי מַעֲשֶׂה פוּן אוּנְזֶער גְרוֹיסְן זֵיידְן רֶבִּי עַמְרָם אוֹיש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג צַאמְגֶענוּמֶען גֶעלְט פַאר אָרֶעמֶע מִשְׁפָּחוֹת. אֵיינְמָאל עֶרֶב שַׁבָּת אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען נָאךְ גֶעלְט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִיז גֶעוֶוען נֶערְוֶועז אוּן אָנְגֶעצוֹיגְן, עֶר הָאט דֶערְלַאנְגְט אַ פְּרַאסְק פַארְ'ן זֵיידְן רֶבִּי עַמְרָם, הָאט דֶער זֵיידֶע רֶבִּי עַמְרָם גֶעזָאגְט: "דָאס הָאט אִיר מִיר גֶעגֶעבְן, וָואס גֶעבְּט אִיר פַאר דִי אַלְמָנוֹת אוּן יְתוֹמִים?" דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן וָואס דָא גֵייט פָאר, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז דֶער אִיד מֵיינְט עֶס עֶרְנְסְט, הָאט עֶר אִים גֶעגֶעבְן אַ שֵׁיינֶע סְכוּם.

זַיי גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

טַאטִי

...

### פַארְוָואס זָאל דִיר נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְן מְסַדֵּר צוּ זַיין דִי זַאכְן פַאר דִי מוֹסְדוֹת?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט"ז שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ...

אִיךְ קוּם יֶעצְט פוּן אַ תְּנָאִים, טְרֶעף אִיךְ ...; דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר אַז דוּ

בְּרֶענְגְסְט אִים יֶעצְט דִי צֶעטְל וָואס זָאגְט פָאר אַז דוּ דַארְפְסְט נָאכְאַמָאל אַרַיינְגֶעבְּן צוּ בַּאקוּמֶען דִי גֶעלְט פוּן דִי שְׁטָאט פַאר שְׂכַר לִימוּד; עֶר זָאגְט מִיר, הֲיִתָּכֵן צוּ זַיין אַזוֹי נָאכְגֶעלָאזְט.

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי צוּ הֶערְן דִי זַאךְ; דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה ווִי אִיךְ מוּטְשֶׁע זִיךְ יוֹם יוֹם צוּ קֶענֶען אָנְגֵיין מִיט דִי מוֹסְדוֹת. עֶס לִיגְט אוֹיף מַיין קָאפּ דִי שְׁוֶוערֶע לַאסְט פוּן צָאלְן גֶעהַאלְט פַאר דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ׳דִיגֶע מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס; ווִי קֶען זַיין עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין קַיין רִיר אוּנְזֶערֶע מוֹסְדוֹת?! אַז עֶס קוּמְט אָן אַ צֶעטְל פוּן דִי שְׁטָאט אַז דַיינֶע וַואוּטְשֶׁערְס גֵייעֶן אָפְּלוֹיפְן, דוּ דַארְפְסְט גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר בְּסַךְ הַכֹּל טְרָאגְן אַ צֶעטְל פוּן דַיין פָּאסְט קֶעסְטְל בִּיז מִיסְטֶער ..., - דָאס קֶענְסְטוּ שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט?! עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער? זִינְגֶען נִיגוּנִים אוֹיף שִׂיחוֹת חֲבֵרִים אוּן הַאלְטְן שֵׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן וֶוען מֶען הָאט צוּ טוּן זַאכְן וָואס אִיז וִויכְטִיג פַארְ׳ן לֶעבְּן - אִיז בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסַאנְט.

אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טְרַאכְטְן; ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְגֵיין מִיט דִי מוֹסָד וֶוען עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט נִישְׁט פַאר דִי עֶלְטֶערְן אֲפִילוּ צוּ טְרָאגְן אַ צֶעטְל וְכוּ׳?!

אִיךְ זָאג דִיר דֶעם אֱמֶת, אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט בְּדֵעָה צוּ זִיצְן מִיט דִיר הַיינְט נַאכְט פַאר לַאנְגֶע שָׁעוֹת, עֶנְדִיגְן וְכוּ׳; אִיךְ קֶען נִישְׁט, אִיךְ וִויל נִישְׁט זַיין אֶחָד בַּפֶּה וְאֶחָד בְּלֵב.

...

## אֶפְשָׁר וָואלְסְטוּ גֶעוָואלְט הֶעלְפְן דִי מוֹסָד?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, ט״ז שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ זִיץ אוּן טְרַאכְט: ׳וֶוער וָואלְט גֶעוֶוען פַּאסִיג צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת, שְׁטֵיין אוֹיף אַלֶע עֶלְטֶערְן וָואס קֶענֶען בַּאקוּמֶען הִילְף פוּן דִי שְׁטָאט, וַואוּטְשֶׁערְ״ס - פַאר שְׂכַר לִימוּד?׳ דִי שְׁטָאט הָאט אַ פְּרָאגְרַאם צוּ הֶעלְפְן

עֶלְטֶערְן צָאלְן שְׂכַר לִימוּד; הֱיוֹת אַסאךְ עֶלְטֶערְן וֵוייסְן נִישְׁט ווִיאַזוֹי מֶען טוּט דָאס, מֶען הָאט נִישְׁט דָאס בִּיסְל גֶעפִּיל פַּאר'ן מוֹסָד אַרָאפְּצוּגֵיין אֵיין מָאל, צְוֵויי מָאל וְכוּ', - דַארְף מֶען הָאבְּן אֵיינֶער זָאל שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם.

בִּיז פַארְיָאר פְלֶעגְט עֶס טוּן הָאַבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶר הָאט דָאס גֶעטוּן זֵייעֶר גֶעטְרֵיי, דֶעמָאלְט הָאבְּן כִּמְעַט אַלֶע עֶלְטֶערְן גֶעהַאט דִי פְּרָאגְרַאם, לְמַעֲשֶׂה יֶעצְט טוּט דָאס קֵיינֶער נִישְׁט; וָואס גֶעשֶׁעט אִיז, מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן שׁוֹין דֶעם פְּרָאגְרַאם פַארְנַאכְלֶעסִיגְן דָאס. אִיז מִיר אַרַיין אִין מַיין מַחֲשָׁבָה דַיין נָאמֶען, אֶפְשָׁר וָואלְסְטוּ גֶעוָואלְט הֶעלְפְן דִי מוֹסָד?

אִיךְ בְּרֶעךְ אוּנְטֶער, אִיךְ דַארְף גְרוֹיסֶע נִיסִים; מִיר צָאלְן יֶעצְט אִיבֶּער הוּנְדֶערְט טוֹיזְנְט דָאלֶער גֶעהַאלְט חוֹדֶשׁ'לִיךְ פַּאר מְלַמְדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, מִיר דַארְפְן דִי הִילְף פוּן דִי עֶלְטֶערְן.

אוֹיבּ דוּ ווִילְסְט זַיין אַ חֵלֶק פוּנֶעם מוֹסָד - זָאלְסְטוּ זִיךְ פַארְבִּינְדְן מִיט דִי אָפִּיס, מִיט מַר. ... אוּן מָרַת ....

דִי זַאךְ אִיז אַז מֶען קֶען מַצְלִיחַ זַיין נָאר אוֹיבּ מֶען הָאט אַן אִינְטֶערֶעסֶע, מֶען זָאל נָאכְלוֹיפְן דִי עֶלְטֶערְן.

מַיינֶע אוֹיגְן זֶענֶען גֶעוָואנְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ פַארְלָאז זִיךְ נָאר אוֹיף אִים.

...

## גֵיי אַרִיבֶּער רֶעדְן פֶּערְזֶענְלִיךְ מִיט'ן מְלַמֵּד

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מָאנְטְרִיאַל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

אַז דַיין זוּן זָאגְט דִיר אַז זַיין רֶבִּי שְׁלָאגְט אִים - זָאלְסְטוּ אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם מְלַמֵּד רֶעדְן מִיט אִים; פְרֶעג אִים אוֹיבּ דַיין קִינְד אִיז וואוִיל, גֵיי אַרַיין מִיט אִים אִין אַ שְׁמוּעֶס אוּן פְרֶעג אִים אִיבֶּער דֶעם וָואס דַיין זוּן זָאגְט אַז מֶען שְׁלָאגְט אִים; בֶּעט אִים עֶר זָאל אִים נִישְׁט שְׁלָאגְן, עֶר זָאל רֶעדְן מִיט אִים.

אוֹי ווי עֶלְטֶערְן דַארְפְן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר די קִינְדֶער; מֶען שִׁיקְט די אִינְגְלֶעךְ אִין חֶדֶר און די מֵיידְלֶעךְ אִין סְקוּל, עֶלְטֶערְן הָאבְן נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וָואס גֵייט פָאר דָארְט, וָואס טוּט זִיךְ דָארְט; צִי דֶער קִינְד כַאפְּט מַכּוֹת רֶצַח, צִי עֶר כַאפְּט אַרַיין בִּזְיוֹנוֹת, און חַס וְשָׁלוֹם צִי עֶר אִיז אָפְּגֶעהִיטְן פוּן קְרַאנְקֶע מֶענְטְשְׁן.

גִיס תְּפִילּוֹת, דוּ און דַיין וַוייבּ - פַאר די קִינְדֶער. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, אֵיינְמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ און גֶעבֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט זִיךְ דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִים אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן זַיין פְּלַאץ און אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן סְפָרִים שַׁאנְק אַן אַלְטֶער תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט, עֶר הָאט דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד און אִים גֶעזָאגְט: "זֶעסְט? דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם, וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען אַז זִי זָאל הָאבְן גוּטֶע קִינְדֶער; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיפְ'ן מַאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ...

אַייעֶר מַאן אִיז דָא גֶעוֶוען, עֶר הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט; עֶר זָאגְט אַז אַסַאךְ מָאל שְׁרֵייט אִיר אוֹיף אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶר הָאט פָּשׁוּט מוֹרָא אַהֵיים צוּ קוּמֶען. עֶר הָאט אַזוֹי גֶעוֵויינְט, עֶר פְרֶעגְט מִיר: "וָואס זָאל אִיךְ זִיךְ פַארְעֶכְטְן אַז מַיין וַוייבּ זָאל מִיךְ לִיבּ הָאבְן, זִי זָאל נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוֹיף מִיר?"

עֶר אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג אַז אִיר זֶענְט אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע; עֶר אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג אַז אַייעֶר טָאג אִיז אַייךְ נִישְׁט גוּט גֶעגַאנְגֶען.

אִיךְ מֵיין עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט אִיר זָאלְט תְּשׁוּבָה טוּן, רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַייעֶר מַאן.

...

## אִיךְ הָאף אִיר זָאגְט נָאךְ תְּהִלִּים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה מַחֲנֶה בֵּית פֵּיגָא**

אִיךְ הָאף אִיר גֵייט נָאךְ אָן מִיט דִי שֵׁיינֶע לִימוּדִים וָואס אִיר הָאט גֶעלֶערְנְט זוּמֶער, אִיךְ הָאף אִיר זָאגְט נָאךְ תְּהִלִּים.

הֶעלְפְּט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אוּן וָואס אִיר דַארְפְּט בֶּעטְס פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ - אִין אִידִישׁ.

...

## אִינְמִיטְן זָאגְן תְּהִלִּים, מֶעג מֶען אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

זָאגְט אַבִּיסְל תְּהִלִּים יֶעדְן טָאג; דָאס גֶעבְּט כֹּחַ צוּ קֶענֶען בְּלַייבְּן שְׁטַארְק, עֶס בְּרֶענְגְט נֶענְטֶער אוּן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעדֶעס מָאל אִיר עֶנְדִיגְט דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים שְׁרַייבְּט אַייךְ אוֹיף וִויפִיל מָאל אִיר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶוען, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן דִי שְׁטוּפּ צוּ זָאגְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

אִיר מֶעגְט אוֹיסְרֶעדְן אִינְמִיטְן זָאגְן תְּהִלִּים - צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַדְּרַבָּה, פְּלֶעכְטְס אַרַיין אֵייגֶענֶע לוֹיב וֶוערְטֶער אוּן אֵייגֶענֶע בַּקָשׁוֹת - וֶועט אִיר זֶען נִיסִים.

...

**מַיין טאטְנ׳ס מֶענְטְשְׁן, בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אוֹיפְ׳ן קוֹל**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י״ח שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶס קֶען זַיין אַז דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן, דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וויפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דִי שֵׁיינֶע קוּנְטְרֵסִים וָואס דוּ שְׁטֶעלְסְט אַהֶער וֶועכֶענְטְלִיךְ. מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוּן שְׁרַייעֶן אַז דִי קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - אִישׁ אֱמוּנוֹת, דִי בְּרִיוו - דָאס אִיז זֵייעֶר גַאנְצֶע חַיּוּת, זֵייעֶר גַאנְצֶע חִיזוּק; ווִי קֶען זַיין דוּ זָאלְסְט זַיין אַזוֹי גֶעפַאלְן, אַזוֹי פַארְשְׁלָאפְן? דוּ דַארְפְסְט טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה: ״אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ ׳אֲשֶׁר בְּנַחַל׳ שָׁם גּוֹרָלֵנוּ״; דִי אַלֶע בְּרִיוו, אַלֶעס אִיז אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן אֲשֶׁר בְּנַחַל, אַלֶעס אִיז שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

אַ שָׁאד אִיךְ הָאב אוֹיסְגֶעלָאזְט פָארִיגֶע וָואךְ דִי קִינְדֶער עֲצָתוֹ אֱמוּנָה; אַזוֹיפִיל קִינְדֶער וַוארְטְן אַ גַאנְצֶע וָואךְ אוֹיף דֶעם, זֵיי ווִילְן זֶען דִי שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער.

אִיךְ שִׁיק דִיר יֶעצְט אַ קְלֵיינֶע שֵׁיינֶע וָוארְט פוּן אָדֶל, אַ טָאכְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן. אִיךְ וֶועל עֶס פְּרוּבִּירְן אוֹיסְצוּצִיעֶן אִין אַ מַעֲשֶׂה, אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער אוּן זֵיי אָנְוַוארְעמֶען צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן הוֹיךְ אוֹיפְ׳ן קוֹל מִיט אַ גֶעשְׁמַאק:

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, לָאמִיר גֵיין קַיין אוּמַאן, לָאמִיר אַרַיינְקוּקְן אִין שְׁטוּבּ פוּן רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער, דִי גְרוֹיסֶע צַדֶּקֶת אָדְל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם:

אַ שֵׁיינֶע סְעוּדָה קוּמְט פָאר בַּיים רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ עֶסְן אַ גֶעשְׁמַאקֶע סְעוּדָה. אִין דִי צְווייטֶע שְׁטוּבּ זִיצְט אָדְל דֶעם רֶבִּינְ׳ס טָאכְטֶער מִיט נָאךְ פְרוֹיעֶן, מֶען עֶסְט אוּן מֶען טְרִינְקְט אַזוֹי גֶעשְׁמַאק, מֶען שְׁמוּעֶסְט אוּן מֶען פַארְבְּרֶענְגְט אִינְאֵיינֶעם.

ווִיבַּאלְד מֶען הָאט גֶעגֶעסְן אִין בַּאזוּנְדֶערֶע צִימֶערְן הָאבְּן דִי פְרוֹיעֶן נִישְׁט גֶעווּסְט ווִי מֶען הַאלְט בַּיי דִי סְעוּדָה בַּיי דִי מֶענֶער, זֵיי הָאבְּן

גֶעטְרַאכְט: 'הָאבְּן זֵיי שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן? זָאלְן מִיר שׁוֹין אוֹיךְ בֶּענְטְשְׁן?' אַ טֵייל פְּרוֹיעֶן הָאבְּן גֶעזָאגְט: "דִי מֶענֶער הָאבְּן שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, מִיר דַארְפְן שׁוֹין אוֹיךְ בֶּענְטְשְׁן".

רוּפְט זִיךְ אָן דִי צַדֶיקֶת אָדֶל עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם: "אִיךְ זָאג אַייךְ מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט, מֶען הַאלְט נָאךְ אִינְמִיטְן עֶסְן, מִיר קֶענֶען וַוייטֶער עֶסְן"; אַלֶע פְרוֹיעֶן קוּקְן אוֹיף אִיר, זֵיי פְּרֶעגְן אִיר: "בִּיסְטוּ זִיכֶער אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעבֶּענְטְשְׁט, אֶפְשָׁר הָאט מֶען שׁוֹין יָא גֶעבֶּענְטְשְׁט?" רוּפְט זִיךְ אָן דִי צַדֶיקֶת אָדְל: "מַיין טַאטְנְ'ס מֶענְטְשְׁן בֶּענְטְשְׁן אוֹיפְ'ן קוֹל, מִיר וָואלְטְן זִיכֶער גֶעהֶערְט זֵייעֶר בִּרְכַּת הַמָּזוֹן".

פְּלוּצְלוּנְג הֶערְט מֶען אַ גֶערוּדֶער, מֶען הֶערְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס וִוי מֶען בֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אַזוֹי שֵׁיין; רוּפְט זִיךְ אָן דִי צַדֶיקֶת אָדְל: "אִיךְ הָאבּ אַייךְ דָאס גֶעזָאגְט, מַיין טַאטְנְ'ס מֶענְטְשְׁן, וֶוען זֵיי בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן בֶּענְטְשְׁן זֵיי אוֹיפְ'ן קוֹל".

קִינְדֶער, יֶעצְט וֶועלְן מִיר אַלֶע בֶּענְטְשְׁן שֵׁיין הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל, אַזוֹי וִוי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין שׁוּם הָאפֶענוּנְג, אִיז אוֹיךְ פַּאר דִיר דָא הָאפֶענוּנְג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף דִיר, אִיךְ הַאלְט נִישְׁט אוֹיס דַיין צַעַר אוּן יְסוּרִים; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ עֶס אִיז דָא נָאךְ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַרִיבֶּער דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע יְסוּרִים וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, דֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב יא): "וְיֵשׁ עִנְיָן שֶׁיִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה", עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם

גוּטְן; יֵשׁ תִּקְוָה, עֶס אִיז פַּאר דִיר אוֹיךְ דָא הָאפֶענוּנְג. אֲפִילוּ דוּ זֶעסְט נִישְׁט קַיין שׁוּם הָאפֶענוּנְג, עֶס אִיז בַּיי דִיר "טוֹב מוֹתִי מֵחַיָּי", עֶנְדֶערְשׁ שְׁטַארְבְּן וִוי לֶעבְּן, דוּ שְׁפִּירְסְט טַעַם מִיתָה יֶעדֶע רֶגַע, - דָאךְ זָאלְסְטוּ גְלֵייבְּן אִין הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן (תְּפִלָּה אַחַר תִּיקוּן הַכְּלָלִי):

"'אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה כִּי אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל', אִיךְ גְלֵייבּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין יֵאוּשׁ, 'וַעֲדַיִן יֵשׁ לִי תִּקְוָה', אִיךְ הָאבּ נָאכְאַלְץ אַן הָאפֶענוּנְג, 'וַעֲדַיִן לֹא אָבְדָה תּוֹחַלְתִּי מֵה'', אִיךְ בִּין נִישְׁט דֶערְנָאךְ, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט מִיר הֶעלְפְן, 'כִּי חַסְדֵי ה' כִּי לֹא תָמְנוּ כִּי לֹא כָלוּ רַחֲמָיו'".

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי וֶוערְטֶער:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, גוּטֶער בַּאשֶׁעפֶער, זִיסֶער בַּאשֶׁעפֶער - דֶערְבַּארֶעם זִיךְ אוֹיף מִיר, הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר; אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶערִיסְן, אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ וִוי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ לֶעבּ נִישְׁט. פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט אוֹיס וִוי אִיךְ בִּין אַ נָארְמַאלֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֵיי, אִיךְ קוּם, אִיךְ טוּ, אִיךְ מַאךְ, אָבֶער פוּן אִינֶעוֵוייניג בִּין אִיךְ אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר.

הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, נָאר דוּ קֶענְסְט מִיר הֶעלְפְן. דוּ קֶענְסְט אַלֶעס טוּן, דוּ גֶעבְּסְט אַ מֹחַ פַאר'ן מֶענְטְשׁ; גֶעבּ מִיר אַ מֹחַ, גֶעבּ מִיר אַבִּיסְל כֹּחַ, אִיךְ זָאל קֶענֶען לֶעבְּן. קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ לַייד, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיךְ מַאךְ מִיט. דוּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוּ וֵוייסְט וָואס אוֹיף מִיר גֵייט אַרִיבֶּער, הֶעלְף מִיר, מַאךְ מִיךְ פְרֵיילִיךְ, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אִין דִיר, אִיךְ זָאל טְרַאכְטְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס בִּיסְטוּ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דוּ.

הֶעלְף מִיר בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ ה' צוּרִי וְגֹאֲלִי".

...

## וֶוען אַ וַוייטֶער מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דָאס זֵייעֶר חָשׁוּב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ פְרֶעגְט דַיין קַשְׁיָא, פַאַרְוָואס רוּמְט דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה אוֹיס יִתְרוֹ אַלְס כֹּהֵן מִדְיָן - עֶס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין יִחוּס, אוּן עֶס אִיז זִיכֶער נִישְׁט אַ גְרֶעסֶערֶע יִחוּס פוּן חוֹתֵן מֹשֶׁה, פַאַרְוָואס זָאגְט דִי תּוֹרָה קוֹדֶם דִי תֹּאַר כֹּהֵן מִדְיָן?! עֶר עֶנְטְפֶערְט, דִי תּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה ווִיל אוּנְז אַרוֹיסְבְּרֶענְגֶען אַז אֲפִילוּ יִתְרוֹ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען ׳כֹּהֵן מִדְיָן׳ - אִיז עֶר אוֹיךְ צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי אַנֶערְקֶענוּנְג ״כִּי גָדוֹל ה׳ מִכָּל הָאֱלֹקִים״, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע אָפְּגֶעטֶער.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (סח.): ״אָתָא יִתְרוֹ״, וֶוען יִתְרוֹ אִיז גֶעקוּמֶען, ״כּוּמְרָא עִלָּאָה וְרַבְרְבָא״, דֶער גְרוֹיסֶער אוּן מֶעכְטִיגֶער גַלָח, ״רַב מְמָנָא דְּכָל טַעֲוָון אַחֲרָנִין״, עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער הֶער פוּן אַלֶע גֶעטְשְׁקֶעס, ״וְאוֹדֵי לֵיהּ לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא״, אוּן יִתְרוֹ הָאט מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז הֶעכֶער אַלֶעמֶען, ״וְאָמַר, עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה׳ מִכָּל הָאֱלֹקִים״, עֶר הָאט גֶעזָאגְט, יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע גֶעטְשְׁקֶעס, ״כְּדֵין אִסְתַּלָּק וְאִתְיְיקָר קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ עֵילָּא וְתַתָּא״, דֶעמָאלְט אִיז גֶעוָוארְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶערְ׳ס כָּבוֹד גְרוֹיס אוּן חָשׁוּב אוֹיבְן אוּן אוּנְטְן.

דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע חִיזּוּק פַאר אוּנְז; וֶוען דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט אוּנְז אַריינְרֶעדְן ׳דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד׳, ׳דוּ בִּיסְט וַוייט פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, ׳קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט דַיין דַאוֶוענֶען, קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט דַיין לֶערְנֶען׳, ׳דוּ בִּיסְט דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ׳, - דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אוּן גֶעדֶענְקֶען, אַזוֹי ווִי יִתְרוֹ וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ גַלָח, עֶר הָאט גֶעדִינְט אַלֶע עֲבוֹדָה זָרָה׳ס, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן מוֹדֶה גֶעוֶוען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן,

"כְּדֵין אִסְתַּלָּק וְאִתְיְיקַר קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ עֵילָּא וְתַתָּא", - אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס כָּבוֹד גְרוֹיס גֶעוָוארְן, אַזוֹי אוֹיךְ וֶועט זַיין מִיט מִיר, אַז אִיךְ וֶועל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֶועל זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אִיךְ וֶועל דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאבְּן אַ נַחַת רוּחַ, אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן גְרוֹיס זַיין כָּבוֹד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס זָאלְן זַיין גֶעפִילְטֶערְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ בִּין זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ הֶער פוּן מִשְׁפָּחוֹת אַז דִי קָאמְפְּיוּטֶערְס אִין קִיָאסְק אִיז נִישְׁט אַזוֹי גוּט גֶעפִילְטֶערְט, מֶען קֶען זֶען נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן דָארְט. אִיךְ ווִיל זֵייעֶר אַז דִי שְׁטֶעטְל זָאל זַיין אַ רֵיינֶע פְּלַאץ, מֶען זָאל הָאבְּן שְׁמִירַת עֵינַיִם.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֶעב אַכְטוּנְג עֶס זָאל זַיין גֶעפִילְטֶערְט אַזוֹי ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אוֹיךְ זָאגְט מִיר ... נֵרוֹ יָאִיר, אַז עֶס אִיז נָאכְגֶעלָאזְט, נִישְׁט זוֹיבֶּער וְכוּ'; אִיךְ ווִיל זֵייעֶר דִי קִיָאסְק זָאל זַיין אַהֶערְגֶעשְׁטֶעלְט בַּאקְוֶועם אוּן גֶעשְׁמַאק, אַלֶע זָאלְן הַנָאָה הָאבְּן דֶערְפוּן, אַזוֹי וֶועט מֶען נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי כֵּלִים אִין שְׁטוּבּ.

אַז דוּ בִּיסְט מֶער נִישְׁט דֶערְבֵּיי, דוּ הָאסְט שׁוֹין נִישְׁט דִי גֶעפִיל - לָאז מִיר ווִיסְן; אִיךְ וֶועל דַארְפְן זוּכְן אַ צְוֵוייטֶער זָאל מִיר הֶעלְפְן.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין דִי וֶועלְדֶער אוּן פֶעלְדֶער; עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, מֶען לֶעבְּט מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער.

...

## הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, מַאךְ רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה צְוִוישְׁן אוּנְז

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״א שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גֶעלֵיינְט אַייעֶר בְּרִיוו; אִיךְ פַּארְשְׁטֵיי פוּן דִי וֶוערְטֶער אַז דִי לִיבְּשַׁאפְט צְוִוישְׁן אַייךְ אִיז גָאר שְׁוַואךְ.

אִיר פְרֶעגְט נָאכְאַמָאל וָואס אִיר הָאט שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אַ יָאר צוּרִיק, אִיךְ הָאבּ אַייךְ דֶעמָאלְט שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], אִיךְ וֶועל נָאכְאַמָאל עֶנְטְפֶערְן כְּדֵי צוּ רַאטֶעוֶוען עֶנְקֶער שָׁלוֹם בַּיִת.

אִיר פְרֶעגְט, הֱיוֹת אַייעֶר מַאן אִיז אַן עַם הָאָרֶץ, עֶר קֶען נִישְׁט קַיין הִלְכוֹת בְּרָכוֹת, עֶר קֶען נִישְׁט פְּשׁוּטְ׳עֶ הִלְכוֹת שַׁבָּת, - וִוי אַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ?

וִויסְן זָאלְט אִיר, אַז אִיר ווִילְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער - הָאט דָאס מִיט אַייךְ; וַוארְפְט עֶס נִישְׁט אוֹיף אַייעֶר מַאן. אַייעֶר מַאן מֶעג זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער עַם הָאָרֶץ - וִוי אִיר לֵייגְט אִים אַרָאפּ אִינֶעם בְּרִיוו, דָאךְ קֶענְט אִיר הָאבְּן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; דָאס וֶוענְדְט זִיךְ נָאר אִין אַייךְ, וֶוען מַאן אוּן וַוייבּ הָאבְּן זִיךְ לִיבּ, מֶען לֶעבְּט בְּשָׁלוֹם, מִיט לִיבְּשַׁאפְט - וַואקְסְן דִי קִינְדֶער גֶעזוּנְט אוּן עֶרְלִיךְ.

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט, אִיר שְׁפִּירְט אַז אִיר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט אַ נֶעבֶּעךְ; אִיךְ זֶע דָא קְלָאר אַז דֶער שָׂטָן הָאט אַייךְ פַּארְכַאפְּט, אִיךְ קֶען אַייעֶר מַאן, עֶר אִיז גָארְנִישְׁט קַיין נֶעבֶּעךְ, עֶר אִיז גָארְנִישְׁט אַזַא קְלָאץ וִוי אִיר מַאכְט אִים, עֶר אִיז נָאךְ אַזוֹי קְלוּג וִוי אַייךְ, עֶפֶּעס אַ שְׁוַוארְצֶע קַאץ אִיז אַרַיינְגֶעלָאפְן צְוִוישְׁן אַייךְ אוּן אַייעֶר מַאן, אוּן דָאס מַאכְט אַלֶעס חָרוּב.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קוּקְן גוּט אוֹיף מַיין מַאן, אִיךְ

זָאל זֶען דָאס גוּטְס אִין אִים; הֶעלְף מִיר, מַאךְ רוּעֶן דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה צְווִישְׁן אוּנְז. עֶפֶּעס הָאט פַּאסִירְט מִיט מִיר, אִיךְ וֶוער נֶערְוֶועז פוּן מַיין מַאן, אִיךְ זֶע נָאר שְׁלֶעכְטְס אִין אִים, אִיךְ קֶען אִים נִישְׁט לַיידְן. אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז מַיינֶע אֵייגֶענֶע שְׁוֶועֶרֶע נַאטוּרְן, אִיךְ דַארְף זִיךְ אַלֵיינְס פַארְרֶעכְטְן; דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר, אָב הָרַחֲמָן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זֶען נָאר דָאס גוּטְס אִין מַיין מַאן, אִיךְ זָאל אִים לִיבּ הָאבְּן, אִיךְ זָאל נִישְׁט זֶען קַיין שְׁלֶעכְטְס"; אַזוֹי זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶס וֶועט צוּרִיקְקוּמֶען דִי גֶעפִּיל פוּן אַייךְ צוּ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע בְּרִיוו בַּאצִיט זִיךְ:

וֶוען מֶען זָאגְט עֶס מִיט לִיבְּשַׁאפְט, וֶוערְט עֶס אָנְגֶענוּמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת טָהֳרָה, ד׳ אִיָּר, שְׁנַת תשפ"א לפ"ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר הָאט זֵייעֶר שֵׁיין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אַייעֶר מַאן אִיז אַ טֵייעֶרֶער אִינְגֶערְמַאן; אִיךְ קֶען אִים זֵייעֶר גוּט, עֶר אִיז עֶרְלִיךְ אוּן ווָאוֹיל, עֶר הָאט גוּטֶע מִידוֹת, עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ ווָאוֹילֶער אִינְגֶערְמַאן.

דָאס וָואס אִיר זָאגְט אַז אַייעֶר מַאן קֶען נִישְׁט קַיין הֲלָכוֹת, עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער עַם הָאָרֶץ; אִיר צִיטֶערְט וָואס וֶועט זַיין מִיט אַייעֶרֶע דוֹרוֹת, אִיר ווִילְט נִישְׁט אַייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עַמֵּי הָאֲרָצִים, אוּן וֶוען אִיר זָאגְט אִים הֲלָכוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וֶוערְט עֶר נֶערְוֶועז וְכוּ׳; וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, עֶס זֶעט מִיר אוֹיס אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן אַייךְ, וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען לִיבְּשַׁאפְט וָואלְט עֶר דָאס שֵׁיין אָנְגֶענוּמֶען, שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער הָאבְּן אַלֶע לִיבּ, שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער נֶעמְט מֶען אָן; אַז מֶען זָאגְט דָאס מִיט הַאס, מִיט פַּיינְטְשַׁאפְט, - דֶעמָאלְט גֵייט עֶס נִישְׁט אַרַיין אִין יֶענֶעם, דֶעמָאלְט אִיז אַ שָׁאד צוּ זָאגְן, ווַייל מֶען מַאכְט נָאר עֶרְגֶער.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, קוּקְט גוּט אוֹיף אַייעֶר מַאן; עֶר אִיז אַ טֵייעֶרֶער

מֶענְטְשׁ, עֶר אִיז נִישְׁט אַזַא עַם הָאָרֶץ וִוי אִיר לֵייגְט אִים אַרָאפּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת מז ע"ב; סוֹטָה כב.) וֶוער אִיז אַן עַם הָאָרֶץ? "כָּל שֶׁאֵינוֹ קוֹרֵא קְרִיאַת שְׁמַע שַׁחֲרִית וְעַרְבִית בְּבִרְכוֹתֶיהָ, דִּבְרֵי רַבִּי מֵאִיר", רַבִּי מֵאִיר זָאגְט, דֶער וָואס לֵיינְט נִישְׁט קַיין קְרִיאַת שְׁמַע אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט; דִי חֲכָמִים זָאגְן: "כָּל שֶׁאֵינוֹ מֵנִיחַ תְּפִילִין", דֶער וָואס לֵייגְט נִישְׁט קַיין תְּפִילִין; בֶּן עַזַּאי זָאגְט: "כָּל שֶׁאֵין לוֹ צִיצִית בְּבִגְדוֹ", דֶער וָואס גֵייט נִישְׁט קַיין צִיצִית; רַבִּי יוֹנָתָן בַּר יוֹסֵף זָאגְט: "כָּל מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ בָּנִים וְאֵינוֹ מְגַדְּלָן לְתַלְמוּד תּוֹרָה", דֶער וָואס הָאט קִינְדֶער אוּן שִׁיקְט זֵיי נִישְׁט לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה; "אֲחֵרִים אוֹמְרִים", אֲחֵרִים זָאגְט: "אֲפִילוּ קָרָא וְשָׁנָה וְלֹא שִׁמֵּשׁ תַּלְמִידֵי חֲכָמִים", דֶער וָואס לֶערְנְט נִישְׁט גְמָרָא; דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַייעֶר מַאן לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, עֶר לֵייגְט תְּפִילִין יֶעדְן טָאג, עֶר גֵייט מִיט צִיצִית, וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן וֶועט עֶר זֵיי שִׁיקְן אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה; מַאכְט אִים נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט.

קוּקְט אַ בֵּיישְׁפִּיל פוּן אַ פְרוֹי אַ צַדֶיקֶת, אַ קְלוּגֶע פְרוֹי; לֶערְנְט אַייךְ אָפּ פוּן דְבוֹרָה הַנְּבִיאָה, זִי הָאט בַּאקוּמֶען אַ מַאן אַן עַם הָאָרֶץ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לֶערְנֶען, וֶוען זִי הָאט גֶעזֶען אַז עֶר קֶען גָארְנִישְׁט; עֶר לֶערְנְט נִישְׁט, עֶר קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען, עֶר קֶען גָארְנִישְׁט טוּן, הָאט זִי אִים נִישְׁט צֶעקְלַאפְּט, זִי הָאט נִישְׁט גֶעוַויינְט אוֹיף אִיר מַזָל, זִי הָאט נִישְׁט גֶעבְלָאזְן אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס אִיז אִיר נִישְׁט נִמְאָס גֶעוָוארְן דָאס לֶעבְּן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יַלְקוּט שׁוֹפְטִים פֶּרֶק ד, רֶמֶז מב) זִי הָאט אִים מְחַזֵק גֶעוֶוען, זִי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ מַאכְן קְנוֹיטְן פַארְ'ן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ?" אָבֶּער דָאס הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט, הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֶועל מַאכְן דִי קְנוֹיטְן אוּן דוּ וֶועסְט עֶס טְרָאגְן צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ"; דֶערְפַאר הֵייסְט זִי "אֵשֶׁת לַפִּידוֹת - דִי פְרוֹי פוּן לַפִּידוֹת", מֶען רוּפְט אִיר מַאן "לַפִּידוֹת", וַוייל עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט שֵׁיינֶע דִיקֶע קְנוֹיטְן צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, וָואס זַיין וַוייבּ הָאט גֶעמַאכְט.

וָואס אִיז נָאכְדֶעם גֶעוָוארְן פוּן אִיר מַאן דֶעם עַם הָאָרֶץ? עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ חַיֵּי עוֹלָם הַבָּא! אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שָׁם): "מִי זָכָה לוֹ לְלַפִּידוֹת שֶׁיְּהֵא חֶלְקוֹ עִם הַכְּשֵׁרִים", אִין וֶועמֶענְס זְכוּת הָאט לַפִּידוֹת זוֹכֶה

גֶעוֶוען אַז זַיין נָאמֶען וֶוערט גֶערֶעכְנְט צְווִישְׁן דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן? "וְיָבֹא לְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא", אִין וֶועמֶענְס זְכוּת הָאט לַפִּידוֹת זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עוֹלָם הַבָּא? "הֱוֵי אוֹמֵר דְּבוֹרָה אִשְׁתּוֹ", דוּרְךְ זַיין וַוייבּ דְּבוֹרָה, וָואס אוֹיף אִיר אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶעם פָּסוּק (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים בָּנְתָה בֵיתָהּ", אַ קְלוּגֶע פְּרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּב.

אִיךְ שְׁפִּיר וִוי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם הָאט גֶעטְרָאפְן אַ פְּלַאץ וואוּ עֶר קֶען צֶעבְּרֶעכְן דִי לִיבְּשַׁאפְט צְווִישְׁן עֶנְק; עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר וֶועט קֶענֶען אָפְּקִילְן דָאס לִיבְּשַׁאפְט אוּן נָאכְדֶעם וֶועט עֶר חָרוּב מַאכְן דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב, אִיךְ וִויל דָאס נִישְׁט אוּן אִיךְ וֶועל דָאס נִישְׁט לָאזְן פַּאסִירְן.

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, אִיר זָאלְט זִיךְ מַאכְן צַייט, שְׁרַייבְּט אַייךְ אַ לִיסְטֶע פוּן אַלֶעס וָואס גֵייט אַייךְ גוּט, שְׁרַייבְּט אַרָאפּ אַלֶע גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ אוּן אִיר זָאלְט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דִי לִיסְט; רֶעכְנְט אוֹיס אַלֶע גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ וֶועט אִיר אָנְהֵייבְּן זֶען אַן אַנְדֶערֶע בִּילְד אִין לֶעבְּן, אִיר וֶועט אָנְהֵייבְּן זֶען וִוי גוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז, וִוי גוּט עֶס אִיז צוּ פָּאלְגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוער עֶס דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֶעבְּט אַן אַנְדֶערֶע לֶעבְּן; אָן דַאנְקֶען אִיז מֶען אוּמְגְלִיקְלִיךְ, אַז מֶען דַאנְקְט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֵייבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן נָאר פוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וִויל אוֹיסְרַייסְן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר פַארְגִינְט נִישְׁט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר לֶעבְּט אַ זִיסֶע לֶעבְּן, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר גְרוֹיס דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען; אַנְשְׁטָאט מִיר זָאלְן זֶען דִי נִיסִים, דִי חֲסָדִים אוּן דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּ אוּנְז, וָואס עֶר טוּט אַלְץ פַאר אוּנְז - טְרַאכְט מֶען פוּן שְׁלֶעכְטְס.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין אַהֲבָה, אַחְוָה, שָׁלוֹם אוּן פְרַיינְטְשַׁאפְט צְווִישְׁן אַייךְ - וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט, אִיר וֶועט לֶעבְּן דִי שֵׁיינֶע זִיסֶע לֶעבְּן וָואס אַלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן לֶעבְּן.

אִיךְ שִׁיק אַייךְ נִישְׁט דֶעם בְּרִיוו אַהֵיים; אִיךְ וִויל נִישְׁט אַייעֶר מַאן זָאל זֶען אַז אִיר הָאט טַעֲנוֹת, אִיךְ לֵייג דֶעם בְּרִיוו אִין סֵפֶר אִישׁ אֱמוּנוֹת, דָארְט

וֶועט אִיר עֶס קֶענֶען לֵיינֶען אוּן הָאבְּן חִיזוּק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

[...

## עֶס אִיז נִישְׁט אַ חִסָּרוֹן אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן רֶעדְן בָּרַבִּים

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר; וֶוער הָאט דִיר אַיינְגֶערֶעדְט דִי אַלֶע זַאכְן? אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן רֶעדְן בָּרַבִּים - מֵיינְט דָאס אַז מֶען אִיז נִישְׁט קַיין סָאוֹשֶׁעל מֶענְטְשׁ?

לָאז זִיךְ אָפּ פוּן דִי נַייעֶ זַאךְ; פוּן אַרוֹיפְקְלֶעבְּן אוֹיף מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען, - 'דֶער אִיז יָא סָאוֹשֶׁעל', 'דֶער אִיז נִישְׁט סָאוֹשֶׁעל', וְכַדוֹמֶה. רוֹב מֶענְטְשְׁן קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן רֶעדְן בָּרַבִּים, עֶס אִיז נִישְׁט אַ חִסָּרוֹן אַז מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן רֶעדְן; אִיךְ זֶע נִישְׁט עֶפֶּעס זָאל דִיר פֶעלְן, אִין מַיינֶע אוֹיגְן בִּיסְטוּ גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

טוּ וַוייטֶער דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן, רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ; רֶעד צוּ אִים, בֶּעט אִים פַאר אַ שְׁטַארְקֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ וֶוערְן מֶער אוּן מֶער זִיכֶער מִיט זִיךְ.

דוּ שְׁרַייבְּסְט דָאךְ אַלֵיינְס אַז לֶעצְטְנְס שְׁפִּירְסְטוּ מֶער זִיכֶער; אַז דוּ וֶועסְט וַוייטֶער רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן בְּעִיקָר אוֹיף דִי זַאךְ, אוֹיף אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט זִינְגֶען נִגּוּנֵי אֱמוּנָה, דוּ וֶועסְט זִינְגֶען: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אַלֶעס אִיז עֶר, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער", - וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט זֶען קַיין מֶענְטְשְׁן, דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ.

בַּיי אֱמוּנָה אִיז נִישְׁטָא קַיין שִׁיעוּר, עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן: 'אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג אֱמוּנָה'; אֱמוּנָה אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶע רֶגַע וָואס מֶען טְרַאכְט

פוּן דֶעם - וֶוערְט דָאס שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער, יֶעדֶעס וָואוֹרְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט דוּרְכְדֶעם מֶער אוּן מֶער אוֹיפְגֶעבּוֹיט דִי אֱמוּנָה, דָאס שְׁטַארְקְט דֶעם מֶענְטְשׁ; מֶען וֶוערְט אַזוֹי שְׁטַארְק - בִּיז מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט קֵיינֶעם.

אִיךְ גֶעדֶענְק, מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן בַּיים קִיבּוּץ. עֶס אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי וָואכְן פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תשע"ב, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט מִיר: "אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט דַאוֶונֶען פַארְ'ן עָמוּד", אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז וָואס אִיךְ הָאבּ צוּ טוּן, אֲפִילוּ הֶענְט אוּן פִיס הָאבְּן מִיר גֶעוָוארְפְן פַאר פַּחַד, אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט פַארְ'ן עָמוּד פַאר אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן; הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ: "אִיךְ הָאבּ מוֹרָא צוּ דַאוֶונֶען פַאר אַן עוֹלָם"; מוֹהֲרָא"ש שְׁמֵייכְלְט אוּן זָאגְט: "מוֹרָא? מוֹרָא דַארְף מֶען הָאבְּן נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וָואס אִיז דָא מוֹרָא צוּ הָאבְּן? טְרַאכְט וִוי דוּ דַאוֶוענְסְט צְוִוישְׁן טוֹיזְנְט בֵּיימֶער".

אִיךְ הָאבּ דָאס אַרַיינְגֶענוּמֶען אִין מִיר, אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטְרַאכְט אֵיין מָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, עֶס אִיז טַאקֶע אַזוֹי; וָואס אִיז דָא צוּ טְרַאכְטְן פוּן מֶענְטְשְׁן?

וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, מוֹהֲרָא"ש הָאט אִין אוּנְז אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַזַא אֱמוּנָה, אֲפִילוּ פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן כָּמוֹנִי כָּמוֹךָ - הָאבְּן אַ גֶעפִיל, הָאבְּן אַן הַשָּׂגָה אִין מַדְרֵיגוֹת וָואס גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֶענֶען זוֹכֶה. אַזַא שְׁטַארְקֶע, קְלָארֶע, לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה; מֶען זֶעט נִישְׁט קֵיינֶעם, מֶען זֶעט נָאר אֱלֹקוּת.

אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ אַז מִיר הָאבְּן אַזַא רֶבִּי.

...

## וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, וַוארְפְט מֶען נִישְׁט אַוֶועק מְסוֹרֶת אָבוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיו.

זַיי נִישְׁט מְשַׁנֶה פוּן דַיין טַאטְנְ'ס שַׁבָּת טִישׁ; בְּלַייבּ מִיט אַלֶע מִנְהָגִים, לֵייג נָאר אַרַיין אִין אַלֶע מִנְהָגִים אַ שִׂמְחָה אוּן אַ חַיוּת.

וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן - וַוארְפְט מֶען נִישְׁט אַוֶועק מְסוֹרֶת אָבוֹת; מֶען בַּאקוּמְט פוּן רֶבִּי'ן אַ חַיוּת אוּן אַ שִׂמְחָה אִין אַלֶע מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט.

עֶס אִיז דָא אַ לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי'ן ווִי עֶר שְׁרַייבְּט פַאר זַיין אֵיידֶעם רֶבִּי יוֹסְקָא (מִכְתְּבֵי רַבֵּינוּ ז"ל בִּתְחִלַּת סֵפֶר עָלִים לִתְרוּפָה, מִכְתָּב ב): "בִּקַּשְׁתִּי מֵאֲהוּבִי חֲתָנִי", אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער אֵיידֶעם, "שֶׁתִּלְמַד בְּכָל יוֹם שִׁיעוּר גְּמָרָא וּפוֹסֵק", לֶערְן יֶעדְן טָאג גְּמָרָא אוּן הֲלָכָה, "שֶׁלֹּא תַּעֲשֶׂה חַס וְשָׁלוֹם מְטָפֵל עִיקָר", מַאךְ נִישְׁט פוּן נִישְׁט וויכְטִיגֶע זַאכְן - אַן עִיקָר, "אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר, כִּי זֶה כָּל הָאָדָם"; זֶעט מֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, נָאר תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְיִרְאַת שָׁמַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען דַארְף לֵיינֶען אַלֶע דְרֵיי פַּרְשִׁיּוֹת פוּן קְרִיאַת שְׁמַע יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיו.

אִיךְ וֵויס נִישְׁט וֶוער עֶס הָאט דִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען קֶען יוֹצֵא זַיין קְרִיאַת

שְׁמַע שֶׁל שַׁחֲרִית מִיט דִי עֶרְשְׁטֶע פַּרְשָׁה, בִּיז וְהָיָה; עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, מֶען דַארְף לֵיינֶען אַלֶע דְרֵיי פַּרְשִׁיּוֹת יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי.

מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זָאגְן דִי דְרֵיי פַּרְשִׁיּוֹת פַאר׳ן דַאוְוענֶען, וֶוען מֶען זָאגְט דִי קָרְבָּנוֹת, - כְּדֵי מֶען זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין דִי מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא פוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע בִּזְמַנָּהּ; דָאס דַאוְוענֶען קֶען זִיךְ פַארְשְׁלֶעפְּן אוּן עֶס וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אַז מֶען זָאל נִישְׁט לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע בִּזְמַן.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין סִידוּר עֵת רָצוֹן בַּיי דִי קָרְבָּנוֹת אַלֶע דְרֵיי פַּרְשִׁיּוֹת. אֲפִילוּ מֶען דַאוְוענְט גָאר פְרִי, מֶען דַאוְוענְט וָתִיקִין - זָאל מֶען אוֹיךְ זָאגְן אַלֶע דְרֵיי פַּרְשִׁיּוֹת; אַזוֹי אִיז מֶען יוֹצֵא מִצְוַת קְרִיאַת שְׁמַע בִּשְׁלֵמוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זוּךְ אוֹיף אִין יֶעדְן קִינְד אַ נְקוּדָה אִין וָואס עֶר צֵייכְנְט זִיךְ אוֹיס

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ב שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רִיפָּארְ״ט קַארְדְ״ס קֶען אַמָאל צֶעקְלַאפְּן אַ קִינְד אוֹיף זַיין גַאנְץ לֶעבְּן; אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען לֵייגְט אַרָאפּ דָאס קִינְד אַלְס אַ שְׁלֶעכְט קִינְד הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - קֶען דָאס שְׁטֶערְן פַאר׳ן גַאנְצְן לֶעבְּן.

בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסְדוֹת מַאכְן מִיר מִיט חָכְמָה; מֶען טֵיילְט אוֹיס רִיפָּארְ״ט קַארְדְ״ס, אָבֶּער מֶען קֶען נָאר שְׁרַייבְּן גוּטְס. דִי אָפִּיס מַאכְט זִיכֶער אַז יֶעדֶעס קִינְד בַּאקוּמְט אַ רִיפָּארְ״ט קַארְ״ד וָואס אִיז גוּט, וָואס לוֹיבְּט אוֹיס דָאס קִינְד.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ מֶען שְׁרַייבְּט נָאר אֱמֶת, מֶען שְׁרַייבְּט נִישְׁט לִיגְנְט; מֶען

זוּכְט אוֹיף אִין יֶעדְן קִינְד אַ נְקוּדָה וָואס אִין דֶעם פְּרַט טוּט זִיךְ דָאס קִינְד אוֹיסְצֵייכֶענֶען.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן מִיט דַיין כִּתָּה; מַאךְ פַאר יֶעדְן קִינְד אַ שֵׁיינֶע רִיפָּארְ"ט קַארְ"ד, שְׁרַייבּ שֵׁיינֶע הַארְצִיגֶע וֶוערְטֶער; וֶוען דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן אַהֵיים קוּמֶען, זֵיי וֶועלְן לֵיינֶען דִי שֵׁיינֶע זַאכְן אוֹיפְ'ן קִינְד, זֵיי וֶועלְן אוֹיסְלוֹיבְּן דָאס קִינְד, אוֹיפְהֵייבְּן, אוֹיפְבּוֹיעֶן - וֶועט דָאס קִינְד בְּלִיעֶן אוּן וַואקְסְן שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זוּךְ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען מְחַזֵק צוּ זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ קֶען דִיר זָאגְן וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן ..., עֶר פְּלֶעגְט גֵיין הֲפָצָה אִין פְּלֶעצֶער וואוּ מֶען טוּט דִי עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעזָאגְט עֶר זָאל נִישְׁט אַהִין גֵיין, עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן מִיט דִי מֶענְטְשְׁן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִאוּף חֵלֶק ב', אוֹת ח): "אָסוּר לְלַמֵּד זְכוּת, עַל זֶה שֶׁעָבַר עַל מִשְׁכַּב זָכוּר", מֶען טָאר נִישְׁט מְלַמֵּד זְכוּת אוֹיף מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן דִי עֶקְלְדִיגֶע זַאךְ; דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זוּכְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן וֶועמֶען צוּ מְחַזֵק זַיין, לָאז אִים אָפּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט רַייסְן דִי הָאר וֶוען מֶען הָאט צָרוֹת

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**

**... תִּחְיֶ׳, בֵּית שֶׁמֶשׁ**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מֶען מֶעג זִיךְ אוֹיסְוֶוייְנֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שַׁבָּת. עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי פּוֹסְקִים (שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפח, בְּטוּרֵי זָהָב סְעִיף קָטָן ב) וֶוער עֶס הָאט אַ תַּאֲוָה זִיךְ צוּ מִתְבּוֹדֵד זַיין אוּן זִיךְ אוֹיסְוֶוייְנֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוער עֶס ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן פוּן לִיבְּשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ׳, - מֶעג דָאס טוּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וַוייל דָאס אִיז אַן עֹנֶג שַׁבָּת; צוּ שְׁפִּירְן דִי זִיסֶע, אַיינְגֶענֶעמֶע אוּן גֶעשְׁמַאקֶע טַעַם פוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אַייךְ צָרוֹת - זָאלְט אִיר נִישְׁט רַייסְן אַייעֶרֶע הָאר. עֶס אִיז דָא אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה אַז מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְפְּלִיקְן הָאר פוּן צַעַר וֶוען אֵיינֶער שְׁטַארְבְּט (וַיִּקְרָא כא, ה), אוּן דִי פּוֹסְקִים זָאגְן אַז אוֹיבּ מֶען רַייסְט דִי הָאר וֶוען מֶען גֵייט אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע צָרָה אִיז דָאס אוֹיךְ אַן עֲבֵירָה (שַׁ"ךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן קפ, סְעִיף קָטָן ט, בְּשֵׁם הַבַּ"ח).

אַז עֶפֶּעס גֵייט אַייךְ נִישְׁט גוּט - זָאלְט אִיר זָאגְן: "גַּם זוּ לְטוֹבָה", דָאס אִיז אוֹיךְ גוּט; זָאגְט: "כָּל מַה דְּעָבֵיד רַחְמָנָא לְטַב עָבֵיד", אַלֶעס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - אִיז גוּט; רַייסְט נִישְׁט אַייעֶר הָאר, פְּלִיקְט נִישְׁט אוֹיס אַייעֶרֶע הָאר, עֶס אִיז נִישְׁט גוּט.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיר זָאלְט שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אוּן נַאכְט - וֶועט אִיר נִישְׁט וֶוערְן אַזוֹי אִין כַּעַס וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט ווִי אַזוֹי אִיר ווִילְט. וַוייל וֶוען מֶען גְלֵייבְּט אוּן מֶען וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס אוּן עֶר אִיז אַלֶעס - דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן פַארְקֶערְט ווִי מֶען ווִיל, מֶען וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער סֵפֶר "אֲשֶׁר בַּנַּחַל לְנָשִׁים" אִיז זֵייעֶר שֵׁיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ב שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי נַייעֶ סְפָרִים וָואס דוּ דְרוּקְסְט, אֲשֶׁר בַּנַּחַל לְנָשִׁים; אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן דִי שֵׁיינֶע אַרְבֶּעט, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דֶעם; אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט בְּקָרוֹב אַרוֹיסְגֶעבְּן חֵלֶק ב', ג', אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן דְרוּקְן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס מַאכְן לִיכְטִיג דִי וֶועלְט.

...

## מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְצוּשַׁארְן דִי שְׁנֵיי

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ג שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד טַייעֶרֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, תּוֹשְׁבֵי בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיפְצוּשַׁארְן דִי שְׁנֵיי אוּן אַוֶועקְנֶעמֶען דִי אַייז בַּיים אַרַיינְגַאנְג פוּן שְׁטוּבּ, אוֹיבּ מֶען לָאזְט שְׁנֵיי אָדֶער אַייז בַּיים אַרַיינְגַאנְג פוּן שְׁטוּבּ אִיז דָאס סַכָּנוֹת נְפָשׁוֹת; יֶעצְט אִיז אַ פְרוֹי אַרַיין אִין שְׁפִּיטָאל, זִי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעגְלִיטְשְׁט בַּיי אַ צְוֵוייטְנְ'ס שְׁטוּבּ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִיר שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה.

דָאס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁפִּיל; מֶען קֶען אַמָאל גוֹרֵם זַיין אַז אֵיינֶער וֶועט זִיךְ אוֹיסְגְלִיטְשְׁן אוּן בְּלַייבְּן אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַ קַאלִיקֶער רַחֲמָנָא לִצְלָן, פוּן זִיךְ אֵיינְמָאל אוֹיסְגְלִיטְשְׁן.

יֶעדֶעס מָאל אִיר גֵייט אוֹיפְשַׁארְן דִי שְׁנֵיי אָדֶער גִיסְן זַאלְץ אוּן אַוֶועקְנֶעמֶען דִי אַייז בַּיים אַרַיינְגַאנְג פוּן אַייעֶר שְׁטוּבּ - זֶענְט אִיר מְקַיֵּים אַ מִצְוָה, אִיר נֶעמְט אַוֶועק בְּלוּט פוּן אַייעֶר שְׁטוּבּ, דִי מִצְוָה פוּן (דְּבָרִים כב, ח): "וְלֹא תָשִׂים דָּמִים בְּבֵיתֶךָ כִּי יִפֹּל הַנֹּפֵל מִמֶּנּוּ".

...

## מֶען דַארְף זֵייעֶר גוּט אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער צוּ זַיין הֵיילִיג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ג שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְלַמֵּד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת יוֹאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

בְּנוֹגֵעַ יֶעצְט וֶוען מֶען דַארְף צֶעטֵיילְן דָאס בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער, וָואס זָאלְן דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען אָן עֶרְשְׁט טוּן, בִּיז דִי צְוֵוייטֶע גְרוּפֶּע קִינְדֶער קוּמֶען אָן; דוּ קֶענְסְט אָנְצִינְדְן אַ רִיקָארְדִינְג פוּן דִי פַּרְשָׁה אוּן זֵיי לָאזְן שְׁפִּילְן בִּיז אַלֶע קִינְדֶער קוּמֶען אָן.

בְּנוֹגֵעַ דַיין שְׁאֵלָה וִוי אָפְט מֶען זָאל רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה, אוּן אוֹיף דַיין דְרִיטֶע שְׁאֵלָה, אַז אַ קִינְד זָאגְט אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע קִינְד יֶענֶער פִירְט זִיךְ נִישְׁט אֵיידְל וְכוּ'; וִויסְן זָאלְסְטוּ, הַיינְטִיגֶע טֶעג וֶוען דִי וֶועלְט אִיז אַזוֹי גֶעפַאלְן, דַארְף מֶען זֵייעֶר גוּט אָנְגְרֵייטְן דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין הֵיילִיג, נִישְׁט אָנְרִירְן דֶעם אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ, אוּן אוֹיבּ אַ צְוֵוייטֶער וִויל טוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ - זָאל עֶר זִיךְ נִישְׁט לָאזְן, נָאר שְׁרֵייעֶן, פַארְפִירְן אוּן דֶערְצֵיילְן.

גֶעוֶוענְלִיךְ אַרְבֶּעט עֶס אַזוֹי, וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן דִי הַארְבְּקֵייט פוּן קְדוּשַׁת הַבְּרִית, פוּן אֵיין זַייט רֶעדְט מֶען זֵייעֶר שַׁארְף, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְפְן זֵיי וִויסְן אַז אוֹיבּ אֵיינֶער בַּאצְוִוינְגְט וְכוּ' - זָאל מֶען נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן מִיט דִיר, מֶען וֶועט זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר דִיר, מֶען וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶוען, - דֶעמָאלְט קוּמֶען קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂיּוֹת וְכוּ'.

אַז מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשָׁה - וֶועסְטוּ נִישְׁט דַארְפְן אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף דִי בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלֶעצֶער, אוּן אַז מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ זֵיי - וֶועט דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן דָאס אַוֶועקְנֶעמֶען דִי מְחִיצוֹת וְכוּ'.

אַז אַ קִינְד דֶערְצֵיילְט עֶפֶּעס טוּט זִיךְ אִין חֵדֶר - דַארְף מֶען אוֹיסְפְרֶעגְן דִי קִינְדֶער, יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער - בִּיז עֶס קוּמְט אַרוֹיס דֶעם אֱמֶת, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם עֶס אִיז דָא אַ קִינְד וָואס טוּט דִי זַאכְן - קוֹדֶם וָוארֶענְט מֶען, אוּן אַז עֶס גֵייט אָן וַוייטֶער - דַארְף מֶען בַּאשְׁטְרָאפְן.

אוֹיף דַיין פְרַאגֶע וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט בַּאצָאלְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה פַאר דִי שַׁיינֶע לֶעבְּן וָואס דוּ בַּאקוּמְסְט; מוֹהֲרַא"שׁ זָאגְט, הֲפָּצָה אִיז דִי הַכָּרַת הַטוֹב וָואס מִיר קֶענֶען אַרוֹיסְוַוייזְן פַארְ'ן רֶבִּי'ן; אַז דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, מִיר לִיכְטִיג גֶעמַאכְט - וֶועל אִיךְ לִיכְטִיג מַאכְן פַאר אַנְדֶערֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וִוי מֶער מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטֶערְקֶערֶע אֱמוּנָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ לֵיינֶען דַיינֶע בְּרִיוו.

רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט אִים יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, שְׁמוּעֶס מִיט אִים אַזוֹי וִוי מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיט אַ גוּטֶער חַבֵר. וִוי מֶער מֶען רֶעדְט אוּן מֶען שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - בַּאקוּמְט מֶען אַ שְׁטֶערְקֶערֶע אֱמוּנָה, מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קַיין שוּם זַאךְ, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶעד שֵׁיין צוּ דַיין טַאטֶע מַאמֶע, רֶעד מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; אוֹיךְ מִיט אַנְדֶערֶע זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ. בַּיים רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶרֶךְ אֶרֶץ זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִם קֵיסָרִים וּמְלָכִים הָיוּ יוֹדְעִים אֵיךְ אֲנִי מְלַמֵּד אֶת אַנְשֵׁי דֶרֶךְ אֶרֶץ, הָיוּ שׁוֹלְחִים אֶת בְּנֵיהֶם אֵלַי לִלְמוֹד דֶּרֶךְ אֶרֶץ", וֶוען קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעווּסְט וָואס פַאר אַ דֶרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן אוֹיס מַיינֶע תַּלְמִידִים, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ מִיר אִיךְ זָאל זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מֶען מוּז אָפְּשְׁטֶעלְן דָאס בּוֹיעֶן, עֶס שְׁלֶעפְּט אַרַיין אִין חוֹבוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ה שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, חַבֵר הַנְהָלַת קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה, אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דִי אַרְבֶּעט - סַיי בַּיים מַצָּה בֶּעקֶעְרַיי און סַיי דִי מִקְוֶה טָהֳרָה. עֶס שְׁלֶעפְּט מִיךְ אַרַיין אִין חוֹבוֹת, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט דִי גֶעלְטֶער; עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט פַּאסִירְן אַז מִיר וֶועלְן אָפְּשְׁטֶעלְן דִי אַרְבֶּעט, מֶען וֶועט עֶסְן בִּיז דֶערְוַוייל מַצוֹת פוּן אַנְדֶערֶע עֶרְלִיכֶע מַצָּה בֶּעקֶערַייעֶן, און אַזוֹי אוֹיךְ מִיט דִי מִקְוֶה.

פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, בְּלַייבּ שְׁטַארְק; אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן אַלֶע גֶעלְטֶער וָואס דוּ הָאסְט אוֹיסְגֶעלֵייגְט, אָבֶער יֶעצְט לְעֵת עַתָּה מוּז מֶען אַלֶעס אָפְּשְׁטֶעלְן, אִיךְ לָאז נִישְׁט וַוייטֶער בּוֹיעֶן.

אַזוֹי אוֹיךְ בְּנוֹגֵעַ אוּמַאן; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעבּוֹיט דֶעם בִּנְיָן צוּ מַאכְן דָאס פַּאר אַן הָאטֶעל, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אַרַיינְלֵייגְן קַיין אֵיין אִיבְּרִיגֶע דָאלֶער עֶס זָאל אוֹיסְקוּקְן ווִי אַן הָאטֶעל. אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן ... זָאל עֶנְדִיגְן דִי טְרֶעפּ, נִישְׁט דָאס מַאכְן ווִי אַן הָאטֶעל, נָאר בַּאקְוֶועם צוּ קֶענֶען גֵיין; לְעֵת עַתָּה אִיז דָאס אַ סַכָּנָה, מֶען קֶען פַאלְן. אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַּאר דִי זַאכְן, און אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא גֶעלְט - טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַּאר דִי זַאכְן.

זֶע צוּ פָאלְגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוען דוּ לֶערְנְסְט, זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ה שְׁבָט, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן; אֲפִילוּ עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער - דָאךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דֶעם. אַזוֹי אִיז וֶוען מֶען דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין אָנְהוֹיבּ שְׁפִּירְט מֶען אַ שְׁוֶועדֶע טַעַם, אָבֶּער מִיט דֶער צַייט וֶוערְט עֶס אַזוֹי זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק, מֶען וִויל שׁוֹין גָארְנִישְׁט, מֶען דַארְף שׁוֹין גָארְנִישְׁט; מֶען וִויל נָאר בְּלַייבְּן מִיט דִי טַעַם פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

וֶוען דוּ לֶערְנְסְט - זָאלְסְטוּ אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת לִימּוּד, סִימָן טז): "הַלּוֹמֵד בְּקוֹל רָם מַאֲרִיךְ יָמִים, וְתַלְמוּדוֹ מִתְקַיֵּם בְּיָדוֹ", וֶוער עֶס לֶערְנְט אוֹיפְ'ן קוֹל - וֶועט לַאנְג לֶעבְּן, אוּן דִי תּוֹרָה וֶועט זִיךְ בַּיי אִים הַאלְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, פַארְלִירְט מֶען דֶעם טַעַם פוּן דַאוֶוענֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבָט, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ בֶּעטְסְט חִיזּוּק אוֹיף צְוֵויי זַאכְן, אוֹיף דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן; דוּ וֵוייסְט נִישְׁט וָואס אִיז גֶעשֶׁען, דוּ שְׁטֵייסְט נִישְׁט אוֹיף צַייטְלִיךְ, דוּ בְּלַייבְּסְט שְׁלָאפְן בִּיז דִי לֶעצְטֶע מִינוּט, נָאכְדֶעם דַאוֶוענְסְטוּ אָפְּגֶעכַאפְּט, אָן מִנְיָן. דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס דוּ בֶּעטְסְט חִיזּוּק אִיז אוֹיף שְׁמִירַת עֵינַיִם.

מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חַבֶר, דִי צְוֵויי זַאכְן זֶענֶען אָנְגֶעהָאנְגֶען אֵיינְס אִינֶעם צְוֵוייטְן; אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן, מֶען קוּקְט אוֹיף אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע בִּילְדֶער, עֶקְלְדִיגֶע קְלִיפְּס, גְרוֹילִיגֶע מָאוִויס רַחֲמָנָא לִצְּלָן - דָאס מַאכְט מֶען זָאל פַארְלִירְן דֶעם טַעַם פוּן דַאוֶוענֶען, דָאס מַאכְט מֶען זָאל בְּלַייבְּן שְׁלָאפְן, נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין; עֶס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם טַעַם פוּן גֵיין אִין שׁוּל. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ): "כִּי

כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית", וְוער עֶס פַאלְט אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, "אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", דֶער שְׁפִּירְט אַ בִּיטֶערֶע טַעַם אִין דַאוֶונֶען, דָאס דַאוֶוענֶען הָאט בַּיי אִים אַ טַעַם פוּן "מַיִין מְרִירִין" - בִּיטֶערֶע וַואסֶער, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת טו, כג): "וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁתּוֹת מַיִם מִמָּרָה", דִי אִידְן הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקֶען דִי וַואסֶער פוּן מָרָה, "כִּי מָרִים הֵם", וַוייל עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער; בִּפְשְׁטוּת מֵיינְט דֶער פָּסוּק צוּ זָאגְן אַז מֶען הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקֶען דִי וַואסֶער וַוייל דָאס וַואסֶער אִיז גֶעוֶוען בִּיטֶער, מוֹהֲרָא"ש זָאגְט: "כִּי מָרִים הֵם", זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרִינְקֶען דִי וַואסֶער - וַוייל "זֵיי" זֶענֶען גֶעוֶוען פוּל מִיט קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַז מֶען הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן אוּן מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע קְלִיפְּס, מֶען לִיגְט אִין נִיאוּף - פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס.

וָואס הָאט מֶען פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת? וָואס הָאט מֶען פוּן קוּקְן שְׁמוּץ?! הָאסְט שׁוֹין גֶעזֶען, הָאסְט שׁוֹין גֶעקוּקְט, וָואס אִיז דָא צוּ קוּקְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל? עֶס קְרִיכְט דִיר נָאכְנִישְׁט אַרוֹיס פוּן דִי נָאז? וָואס אִיז דָא צוּ זֶען?!

בִּכְלַל אִיז אַ קַשְׁיָא, הָאסְט דָאךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאסְט דָאךְ אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ, וָואס נָאךְ דַארְפְסְטוּ? וָואס נָאךְ אִיז דָא?! דַיין וַוייבּ אִיז אַזוֹי טֵייעֶר, זִי אִיז גְרֵייט אַלֶעס צוּ טוּן פַאר דִיר.

נֶעם דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת; גֵיי שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אִים דִי וֶוערְטֶער:

**"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר, אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין נִיאוּף; אִיךְ לִיג אִין אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע בְּלָאטֶע, אִיךְ קוּק עֲבֵירוֹת, רַאטֶעוֶוע מִיר! אִיךְ וִויל זַיין גוּט, אִיךְ וִויל זַיין הֵיילִיג".**

דוּ ווּאוֹינְסְט אִין שְׁטֶעטְל, אִין אַזַא לִיכְטִיגֶע פְּלַאץ, מֶען קֶען זִיךְ דָארְט גוּט מִתְבּוֹדֵד זַיין; גֵיי מִיט עַקְשָׁנוּת יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, דוּ זָאלְסְט זִיךְ אָפְּלָאזְן פוּן דִי דִמְיוֹן, פוּן דִי דִבּוּק וָואס הַרְגְ'עֶט דִיר אוּן נֶעמְט אַלֶעס צוּ פוּן דִיר. אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי אוֹיגְן פַארְלִירְט מֶען אַלֶעס, סֵיי רוּחָנִיּוּת אוּן סֵיי גַשְׁמִיּוּת; מֶען

לָאזְט אָפּ דִי תּוֹרָה אוּן מֶען לָאזְט אָפּ דָאס דַאוְוענֶען, מֶען לָאזְט אָפּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, מֶען פַאלְט אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלַן. נָאכְדֶעם פַאלְט מֶען אַרַיין אִין אַן עַצְבוּת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דִי עֲבֵירָה מַאכְט דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "וְזֶה בְּחִינַת חוֹלַאַת שֶׁקּוֹרִין בְּרֶעכֶנִישׁ, רַחֲמָנָא לִצְלַן, שֶׁשּׁוֹבֵר עַצְמוֹת שֶׁל אָדָם", דִי עֲבֵירָה בְּרֶענְגְט דִי מַחֲלָה וָואס הֵייסְט 'בְּרֶעכֶענִישׁ' - דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אוֹיף שְׁטִיק שְׁטִיקְלֶעךְ אוּן הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ דַאוְוענֶען.

אַז דוּ וֶועסְט פַארְרֶעכְטְן דִי זַאךְ - וֶועסְטוּ שׁוֹין אוֹיפְשְׁטֵיין דַאוְוענֶען, דַאוְוענֶען וֶועט וֶוערְן אַ גוּטֶע זַאךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם): "וְאֵין יָכוֹל לִטְעֹם מְתִיקוּת בַּתְּפִילָּה, אֶלָּא כְּשֶׁתִּקֵּן פְּגַם הַבְּרִית", אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין דַאוְוענֶען נָאר אַז עֶר פַארְרֶעכְט זַיינֶע פְּגָמֵי הַבְּרִית, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה אוּן עֶר הִיט זִיךְ אָפּ פוּן שְׁלֶעכְטְס; דֶערִיבֶּער אוֹיבּ מֶען אִיז אָפְּגֶעהִיטְן אִין קְדוּשָּׁה, מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן דִי מַחֲשָׁבָה - דַאן אִיז דָאס דַאוְוענֶען אַ זִיסֶע זַאךְ, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי "מַיִם מְתוּקִים" - זִיסֶע וַואסֶער, מֶען ווִיל נָאךְ אוּן נָאךְ דֶערְפוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קוּקְן גוּטְס אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אֲדָר א', כ"ו שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ תּוֹשְׁבֵי אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

מִיר הָאבְּן גֶעבֶּענְטְשְׁט דֶעם שַׁבָּת - חוֹדֶשׁ אֲדָר, דִי יָאר הָאבְּן מִיר צְווֵיי אֲדָר'ס. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית כט.): "מִשֶּׁנִּכְנָס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה"; דִי יָאר הָאבְּן מִיר צְווֵיי חֲדָשִׁים צוּ פַארְמֶערְן מִיט שִׂמְחָה, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ? וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ? אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט: 'אַדְרַבָּה, אִיךְ

ווִיל זַיין פְרֵיילִיךְ, אָבֶער אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן פוּן וָואס עֶס גֵייט אוֹיף מִיר אַרִיבֶּער, פוּן וָואס אִיךְ לַייד אַלְץ, אָפְּגֶערֶעדְט פוּן מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, מַיינֶע נְפִילוֹת וואו דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט מִיר אַרָאפּ; ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ?'

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ קוּקְן אוֹיף זִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רפב; חֵלֶק ב', סִימָן י): "זוּךְ אוֹיף אִין זִיךְ גוּטֶע נְקוּדוֹת, זוּךְ גוּטְס אִין זִיךְ אַלֵיינְס; זַיי זִיךְ מְחַיֶּה' מִיט דֶעם וָואס דוּ בִּיסְט אַ אִיד, שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!"

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי צָדוֹק הַכֹּהֵן מִלּוּבְּלִין זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט אִין זַיין סֵפֶר פְּרִי צַדִּיק, אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה (חַג הַשָּׁבוּעוֹת, אוֹת יג). דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זָאגְן דִי בִּרְכוֹת הַשַּׁחַר הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל, אֵיין טָאג הָאט עֶר פַארְפֶעלְט צוּ זָאגְן דִי בְּרָכָה "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", אִיז אֵיינֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "רֶבִּי, אִיר הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט אַ בְּרָכָה, דִי בְּרָכָה פוּן שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", הָאט אִים דֶער הֵיילִיגֶער קְדוּשַּׁת לֵוִי גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעמַאכְט הַיינְט דִי בְּרָכָה! וֶוען אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אִינְדֶערְפְרִי בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן קַיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען מְחַיֶּה' וּמְחַזֵּק זַיין, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'אַ אִיד בִּין אִיךְ דָאךְ, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גּוֹי', אוּן פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבּ אִיךְ מִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעמַאכְט דִי בְּרָכָה 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', מִיט דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְחַיֶּה' גֶעוֶוען".

זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז אוֹיבּ אַזַא הֵיילִיגֶע צַדִּיק, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָנְגֶערוּפְן "פְּאֵר הַדּוֹר" (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קצו) – הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין, נָאר מִיטְ'ן "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז מִיר קְלֵיינְטְשִׁיגֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ, וָואס מִיר זֶענֶען טַאקֶע גָארְנִישְׁט - דַארְפְן מִיר זִיכֶער נֶעמֶען דֶעם "שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי" אוּן זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיט דֶעם, טְרַאכְטְן שְׁטֶענְדִיג צוּ זִיךְ: 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גּוֹי טָמֵא, אִיךְ בִּין אַ אִיד!'

אַז דוּ וֶועסְט גוּט אַרַיינְקוּקְן אִין זִיךְ וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַזוֹי

שְׁלֶעכְט, דו בִּיסְט אָנְגֶעפִּילְט מִיט אַזוֹיפִיל גוּטְס; 'בָּרוּךְ הַשֵּׁם פֵּיאוֹת הָאבּ אִיךְ, אַ בָּארְד הָאבּ אִיךְ, אִיךְ לֵייג טַלִית אוּן תְּפִלִין, אִיךְ גֵיי מִיט צִיצִית, אִיךְ עֶס כָּשֵׁר'ס, אִיךְ הָאבּ אַ מְזוּזָה' - דִי אַלֶע זַאכְן מַאכְן פְרֵיילִיךְ.

וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען אִיז זוֹכֶה, מֶען לֶערְנְט אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י יֶעדְן טָאג, - דָאס אִיז דָאךְ מַמָּשׁ אַ פַּארְמֶעגְן! מֶען לֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא - דָאס מַאכְט פְרֵיילִיךְ, "פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב (תְּהִלִּים יט, ט)", מֶען וֶוערְט פְרֵיילִיךְ, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעלֵייזְט, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (אָבוֹת ו, ב): "אֵין לְךָ בֶּן חוֹרִין", וֶוער אִיז אוֹיסְגֶעלֵייזְט? "אֶלָּא מִי שֶׁעוֹסֵק בְּתַלְמוּד תּוֹרָה", נָאר דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה.

שְׁטַארְקְט אַייךְ טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דִי זִיסֶע לִיכְטִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶעבִּ'ן; דִי עֵצָה פוּן קוּקְן גוּט אוֹיף זִיךְ אַלֵיינְס, פוּן זִיךְ אַלֵיינְס לִיבּ הָאבְּן, פוּן זִיךְ מְחַיֶּ' זַיין מִיט אוּנְזֶערֶע דְרֵיי עֶקִיגֶע דַאוֶוענֶען. דֶער הֵיילִיגֶער תָּם פְלֶעגְט נֶעמֶען זַיין שִׁיךְ וָואס הָאט גֶעהַאט אַ פָּנִים וִוי דְרֵיי עֶקְן, עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' גֶעוֶוען דֶערְמִיט, עֶר הָאט זִיךְ גֶעזִינְגֶען (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ט', מֵחָכָם וְתָם): "מַיין טַייעֶרֶע שִׁיכֶעלֶע, מַיין לִיבֶּער שִׁיכֶעלֶע, מַיין ווּאוּילֶע הָאנִיגְדִיגֶע שִׁיכֶעלֶע", וֶוען דֶער רֶעבִּי הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט דֶער רֶעבִּי גֶעזָאגְט: "אַז דֶער דַאוֶוענֶען אִיז אַזוֹי וִוי דְרֵיי עֶקְן, פַארְשְׁטֵיי גוּט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אָפְּלֶעבְּן אַ לֶעבְּן מִיט אַ שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, אוּן זִיךְ אַזוֹי מְחַיֶּ' זַיין אוּן זִיךְ אַזוֹי פְרֵייעֶן אוּן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע לֶעבְּן, מֶער וִוי דֶער וָואס פַאלְט אִין חָכְמוֹת".

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועל אִיךְ קוּמֶען אִין אַפָּאר וָואכְן אַרוּם קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וֶועל בַּאזוּכְן בַּיי אַייךְ אִין שׁוּל. אִיךְ בֶּענְק שׁוֹין זֵייעֶר, אִיךְ וַוארְט שׁוֹין זֵייעֶר אַייךְ צוּ טְרֶעפְן, צוּ הֶערְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם זַיינֶע סִיוּמִים, צוּ הֶערְן יֶעדְנְ'ס מוֹפְתִים; דִי עֶכְטֶע מוֹפְתִים - וָואס מֶען הָאט בַּאקוּמֶען פוּן רֶעבִּ'ן.

וָואס אִיז אַ מוֹפֵת? אַ מוֹפֵת אִיז, אַז מֶען קוּקְט זִיךְ אָן אוּן מֶען גֶעבְּט אַ טְרַאכְט: 'וֶוער בִּין אִיךְ גֶעוֶוען? וִוי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ אוֹיסְגֶעזֶען? אִיךְ וֵייס דָאךְ יָא וֶוער אִיךְ בִּין, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶעבִּ'ן, דֶער רֶעבִּי הָאט מִיךְ גֶעבְּרֶענְגְט

צו אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע זַאכְן; אִיךְ הָאבּ שִׁיעוּרִים, אִיךְ בִּין זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, אִיךְ הָאבּ שָׁלוֹם בַּיִת', שָׁלוֹם בַּיִת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מוֹפֵת פוּן רֶבִּי'ן; 'אִיךְ עֶנְטְפֶער נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ. אִיךְ שְׁלִינְג אַרָאפּ וֶוען זִי זָאגְט מִיר'; אוֹי אִיז דָאס אַ מוֹפֵת, נָאר דֶער רֶבִּי קֶען בַּאווַייזְן אַזֶעלְכֶע מוֹפְתִים, נֶעמֶען אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים מַאכְן נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן... 'אִיךְ וַוייס דָאךְ יָא וֶוער אִיךְ בִּין, אוּן קוּק וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעטוּן מִיט מִיר'.

אַ אִינְגֶערְמַאן פוּן עֶנְקֶער חֲבוּרָה הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן דִי וָואךְ אַזַא שֵׁיינֶע מוֹפֵת, אִיךְ מוּז אַייךְ שִׁיקְן אַ קְלֵיינֶע שְׁטִיקְל פוּן דִי בְּרִיוו:

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט מִיט מִיר אַ נֵס אַז אִיךְ בִּין מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.**

אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס נָאכְ'ן דַאוֶונֶען, אוּן אִיךְ זֶע אַז דֶער שַׁבָּת טִישׁ אִיז אַ בַּאלַאגַאן, נָאךְ פוּל מִיט מֻקְצֶה זַאכְן, דִי בֶּענְקְלֶעךְ זֶענֶען נָאךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אוֹיפְ'ן טִישׁ פוּן אוֹיפְוַואשְׁן דִי עֶרְד פְרִיעֶר, אוּן מַיין וַוייבּ שְׁלָאפְט נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע וָואךְ אַרְבֶּעט.

אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ וָואס אִיךְ וָואלְט גֶעטוּן אִין אַזַא צַייט וֶוען אִיךְ זָאל נִישְׁט זַיין מְקוֹרָב צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א... עֶס וָואלְט אַרוֹיס אַ גֶעדֶעכְטֶע רוֹיךְ פוּן הוֹיז. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶער שַׁבָּת אֲפִילוּ דִי הוֹיז זֶעט אַזוֹי אוֹיס, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם מְסַדֵּר גֶעוֶוען אוּן צוּגֶעגְרֵייט דֶעם שַׁבָּת טִישׁ, אוּן מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ פְרֵיילִיכֶע סְעוּדָה.

דָאס זֶעלְבֶּע הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי. אִיךְ קוּם אָן אַהֵיים אוּן אַלֶעס לִיגְט נָאךְ פּוּנְקְט אַזוֹי ווִי מֶען הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעלָאזְט נֶעכְטְן נַאכְט נָאךְ דִי סְעוּדָה, וֶוען מֶען אִיז גֶעוֶוען מִיד אוּן מֶען אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן אָן אָפְּרוּימֶען דֶעם טִישׁ. יֶעצְט הַאלְט אִיךְ נָאךְ פַּארְ'ן קִידוּשׁ מַאכְן, מַיין וַוייבּ הָאט שׁוֹין קִידוּשׁ גֶעמַאכְט פַאר דִי קִינְדֶער אוּן אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן נָאךְ אַ שְׁוֶוערֶע פוּלֶע וָואךְ מִיט דִי קִינְדֶער, וֶוען יֶעדֶע נַאכְט טֵיילְן זִיךְ דִי קִינְדֶער אַיין, יֶעדֶע שָׁעָה וַויינְט אַ צְוֵוייטֶער אוּן וֶועקְט אוּנְז אוֹיף, אוּן אִיךְ

הַאלְט יֶעצְט אֵיינְס אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג, נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעגֶעסְן הַיינְט, אוּן אִיךְ בֶּעט ווִידֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס, אִיךְ זָאל זִיךְ הַאלְטְן פְרֵיילִיךְ, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן, אוּם דְרֵיי אַזֵייגֶער הָאבְּן מִיר גֶעקֶענְט אָנְהוֹיבְּן דִי סְעוּדַת שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, אִיךְ קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט גֶעלֶעבְּט אָן דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן; אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ, אוּן מַיין וַוייבּ זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט כַאפְּן ווִי אַזוֹי דִי הוֹיז הָאט אוֹיסְגֶעזֶען וֶוען אִיךְ בִּין אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, אוּן ווִילַאנְג אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט אוֹיף אִיר מִיט סַבְלָנוּת אַז זִי זָאל זִיךְ קֶענֶען אָפְּרוּעֶן אַבִּיסְל; אוּן זִי ווֵייסְט נִישְׁט ווִי שְׁטַארְק אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ נִישְׁט זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאר דוּרְכְ׳ן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע עֵצוֹת אוּן חִיזוּק ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אִין יֶעדְן מַצָּב.

אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ מוּז אַהֵיים לוֹיפְן הֶעלְפְן מַיין וַוייבּ.

אַ פְרֵיילִיכְן לִיכְטִיגְן שַׁבָּת אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

מֵאֵת מֵאִיר קִינְדְלֶער

## אַ וָוארְט פוּן אַ צַדִּיק

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער צַדִּיק רֶבִּי נַחְמָן הוֹרִידֶענְקֶער אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר נָאנְט צוּ זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב; עֶר הָאט אִים זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט, עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ אַוֶועקְפָארְן אוֹיף וַוייטֶע פְּלֶעצֶער צוּ טוּן שְׁלִיחוּתְ'ן פַאר זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. וְוִיבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מֶער זַיין וַוייבּ, זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן, פְלֶעגְט עֶר אִיבֶּערְלָאזְן זַיין זוּן שִׂמְחָה בַּיי אָדְל, דִי טָאכְטֶער פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

אֵיינְמָאל וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן זַיין טָאכְטֶער דִי צַדֶּקֶת אָדְל, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם קִינְד שִׂמְחָה, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ אָדְל: "דֶער אִינְגְל גֶעפֶעלְט מִיר!"

אָדְל הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב מֵיינְט צוּ זָאגְן, זִי הָאט אָבֶער גֶעוְוִיסְט אַז יֶעדֶעס וָוארְט פוּן אַ צַדִיק הָאט אַ בַּאדֵייט; זִי הָאט זִיךְ אַיינְגֶע׳חַזֶר׳ט דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיר טַאטֶע דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִיר גֶעזָאגְט.




"דֶער אִינְגְל גֶעפֶעלְט מִיר!"

שְׁפֶּעטֶער, וֶוען שִׂמְחָה אִיז גֶעוָוארְן דְרַייצְן יָאר, אוּן פֵיגֶא דִי טָאכְטֶער פוּן דִי צַדֵיקֶת אָדְל אִיז גֶעוָוארְן גְרֵייט חֲתוּנָה צוּ הָאבְן, הָאט זִיךְ אָדְל דֶערְמַאנְט

אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן אִיר טַאטֶע וָואס עֶר הָאט אִיר גֶעזָאגְט: "דֶער אִינְגְל גֶעפֶּעלְט מִיר"; זִי הָאט זִיךְ פַארְוואוּנְדֶערְט: 'פַארְוָואס הָאט מִיר מַיין טַאטֶע גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער? מוּז זַיין עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אִיךְ זָאל זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט דֶעם קִינְד'.

אַזוֹי הָאט זִי גֶעטוּן, זִי הָאט זֵיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט, אוּן פוּן זֵיי אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי, רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגֶא וּבֶן שִׂמְחָה.

קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז וֶוען אַ צַדִיק זָאגְט אַ וָוארְט אִיז דָאס מִיט אַ כַּוָנָה, אוּן אוֹיב מֶען לֵייגְט גוּט צוּ דִי אוֹיעֶרְן, מֶען הֶערְט אוֹיס יֶעדֶעס וָוארְט פוּנֶעם צַדִיק, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל פַארְשְׁטֵיין דִי מֵיינוּנְג דֶערְפוּן - אִיז מֶען זִיכֶער אַז מֶען טוּט גוּט, מֶען גֵייט אוֹיפְ'ן גוּטְן וֶועג.



בס"ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה"ג ר'
יואל רוטה
שליט"א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק
צום טיר
goodpointmediainc@gmail.com